# דער יוד

# DER JUDE

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.

פערלאג: חברת „אחיאסף".

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רובל.
האלב יאָהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Krakau, 12 September 1901. נומר 37 קראקויא, אלול תרס"א.


| ה. תרס"ב ← וואכען-קאלענדער (לוח) ← 1901 | | | | |
|---|---|---|---|---|
| די טעג פון חודש | די טעג פון וואך | שערפיען-סעפטעמבער | נייער ס. סעפט. | אלט. ס. סעפט. |
| ב' | זונטאג | ב' דראש השנה. | 15 | 2 |
| ג' | מאנטאג | צום גדליה. | 16 | 3 |
| ד' | דינסטאג | | 17 | 4 |
| ה' | מיטוואך | | 18 | 5 |
| ו' | דאנערס. | | 19 | 6 |
| ז' | פרייטאג | | 20 | 7 |
| ח' | שבת | ש"ש. פרשת האזינו. | 21 | 8 |

### קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע.

| טאג | יאהר | |
|---|---|---|
| ב | ה. ת"כ | געהרג'ט עקדה"ש אין רווינאי ר' ישראל ור' טוביה. |
| ג | ג. של"ט | געהרג'ט גדליה בן אחיקם |
| „ | ה תרכ"ח | געשטארבען ה"ר ישראל ליפשיץ (תפארת ישראל). |
| ד | ה תקפ"א | „ ה"ר אברהם דאנציג אין ווילנא (חיי אדם). |
| ה | ג תתפ"ג | איז ר' עקיבא מיט נאך 20 מענער נתפס געוואָרען. |
| „ | ה. רצ"ז | זיגמונד קעניג פון פוילען אין ליטא האָט די יודען אין ווילנא געגעבען בעזונדערע רעכטע. |
| ו | ה ת"ק | קארל VI פון עסטרייך האָט בעפאָהלען אז קינדער וועלכע מען האט מיט געוואלד געטויפט זאָל מען צוריקגעבען די עלטערן. |
| ז | ה, קנ"א | האָט קיסר ווענצל בעפאָהלען אז יודישע חובות ביי קריסטען זאלען פערפאלען |

## אינהאלט.


א) דאָס נייע יאָהר. מ. ס.
ב) דער פינפטער ציוניסטען קאָנגרעס.
ג) איין אָפענער בריעף צום ראדאקטער פון „המליץ".
ד) פּאָליטישע איבערזיכט. י. ל.
ה) בריעף פון לאָנדאָן. י. ל. דאלידאנסקי.
ו) צווישען אונז גערעדט. מ. חיות.
ז) צייטונגען פון דער וואָך.
ח) די יודישע וועלט.
ט) דער שופר. געדיכט. יוסף טונקול.
י) דריי חופות. אַ מעשה. י. ל. פרץ.
יא) די זומערפויגעל. א מעשה. בן-עמי.
יב) אין בויבעריק. פעלעטאָן. שלום-עליכם.



## צו אבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE", Krakau, Gertrudy 16.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf", Warschau, Postkiste Nr 25,
mündlich: Twarda 6, Thür 4.

אין לאָנדאָן:
R. Mazin, Bookseller 100 Old Montague Str. London, E.

אין אַמעריקא:
R. Kantorowitz, 4 Rutger Str. New-York

דער „יוד" איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאסט אונטער דער נומער:
1920 a Nachtrag VII.

## רשימת ספרים החדשים שנכנסו אל בית מסחר הספרים אשר לאחיאסף.

| | | |
|---|---|---|
| תורה נביאים וכתובים, הוצאות מ. שולץ, פ׳רמט קטן | | |
| „ „ „ „ „ | מכו׳ בד | — 75 |
| „ „ „ „ „ | מכורך טוב | 1 25 |
| „ „ „ „ „ | עור פרימא | 1 75 |
| השלה כרך ז׳ | | 3 — |
| „ „ מכורך הדר | | 3 40 |
| הזמיר, שירים, אהרן מירסקי | | — 30 |
| הצופה לבית יעקב, ראזענפעלד (עם פארטא) | | — 40 |
| מאין ולאן, ספור, ר. ברודס | | — 20 |
| משלי ישראל, למקרא בני הנעורים, שמעון בן-לוי שיינפיין | | — 30 |
| רבני מינסק וחכמיה, בן ציון אייזענשטאדט | | — 60 |
| כל שירי מ. מ. דאליצקי | | — 60 |
| שלשה כפורים, ר. ברודס | | — 10 |
| תלמוד בבלי, בכרך אחד (נייר טוב) | | 4 50 |
| פראקטישע בוכהאלטער, לעוויק, 2-טע אויסגאבע | | 1 60 |
| דארוויניזמוס, אדער דארווין האט געטראפען, ב. פייגענבוים | | — 10 |
| Я. С. Б-нъ общій взглядъ на сіонизмъ | | — 5 |
| М. М. Марголина основныя теченія въ исторіи еврейскаго народа | | — 50 |
| Чартеръ פרופ׳ מ. ביעלקאווסקי, הוצ׳ אחיאסף | | — 25 |
| Помощь евреямъ пострадавшимъ отъ неурожая литерат. художеств. сборникъ | | 3 50 |
| Дебора, поэма | І. М. Левита | — 20 |
| Одна истина повѣсть | « « | — 25 |
| Стихотворенія | « « | — 50 |

### נאטען

| | |
|---|---|
| Herzl-Marsch A. Perlzweig | — 60 |
| דגל יהודה | — 60 |
| נחנו עדים | — 60 |

כל המקחים הם לבד פארטא.

**Издательство „Ахіасафъ", Варшава.**

**Verlag „ACHIASAF", Warschau.**

---

**Руководство упрощеннаго счетоводства**

А. Т. Поляковъ.

„Двойная бухгалтерія по нововведеннымъ формамъ". М. 1898 г.

— ЦѢНА 50 коп. —

Продается во всѣхъ книжныхъ магазин. СПБ. и Москвы. Выписывающіе отъ автора: п. от. Пичаево, Тамбовск. губ., с. Тараксa, за пересылку не платятъ. Можно почтов. марками.

---

## אין דער העברעאישער שולע
(אבראזצאווע הדר)

פון א. גוטמאן אין אדעסא.

Успенскій переулокъ № 11, кв. 4.

ווערדען אויפגענומען נייע שילער, אלע טאג פון 12 ביז 4 א זייגער.

N. B. אין דער שולע ווערד געלערנט די העברעאישע שפראכע ווי א לעבעדיגע; רעדען ווי לעזען און שרייבען. איך זא אלע אנדערע למודים וועלכע זענען נייטהיג פאר יודישע קינדער.

---

כירורגישע היגעקאלאגישע
פריוואט-קליניק
פון
**ד״ר רייכשטיין און וואוועלבערג**

אין ווא־שא, לעשנא 31. די אנשטאלט געפינט זיך אין א גארטען. עס זענען דא שפעציעלע ציממער פיר קימפעטארען (אהנע מעלדונג). פרייז פון 2 ביז 5 רו״כ. שטרענג כשר׳ע קיך. אמבולאטאריום פון 10 ביז 12 אוהר.

---

אין מוסטער־הדר פיר קנאבען
פון מ. מ. שפירא, טווארדא 26
ווירד געלערנט העבראיש, תורה, תפלות, גמרא און אלגעמיינע געגענשטענדע ספעציעל.

---

**צוקערניע ש. שפיגעלגלאז**
ווארשא, נאלעווקי Nr. 10
(פארמאלס איגעלזאהן). וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פון דער צייט און ווייט איך האב זי איבערגענומען אונטער מיינע אויפזיכט האב איך פיעל פערבעסערונגען איינגעארדענט. רייז, כשר, בילינ, בעשטעלונגען ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט, היער און אויף דער פראווינץ. פיעלע ראנקען בריעפליך אויך מינדליך.

די צוקערניע בעזיצט 24 צייטונגען צום לעזען.

---

### עס זענען נייטהיג
טיכטיגע זעצער, דרוקער, ליניירער און איינבינדער. מיט אפערטען זיך צו ווענדען אויף אדרעסע:
г. Баку Типографія
А. М. Промышлянскаго.

---

**Варшавская папиросная бумага**

„Ле Дерніеръ Картушъ"

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дерніеръ Картушъ"

Бумажка эта признана Химич. Лаборатр. Варшав. Императ. Университета САМОЮ ЛУЧШЕЮ.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

**ТОРГОВЫЙ ДОМЪ**

**Д. ЗИЛБЕРЛЯСТЪ**

въ ВАРШАВѢ

**Граничная улица № 6.**

---

מען קאן דורך מיר קויפען אלע בעסאראבישע פראדוקטען, היינו: קוקורוז, ווייץ, גערשטען, קארן, רעפאג, וויין-נים וכדומה.
г. Бѣльцы. מיין אדרעסע:
(Бесс.) Л. Розенталю.

---

### ד״ר ג. לעווין
מוראנאווסקא נר. 25

---

## נייעס !!



## נייעס !!

ב רוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע היילען גרינדליך נאך זורצען געברויך, ווי עס איז איבערצייגט געווארען, אז נאך 3 מאנאטליכען טראגען, ווירד דער ברוך פאללשטענדיג אויסגעהיילט. פרייז פאן איינער זייטע 6 רובל, צווייזייטיג 10 רובל. בויכבינדען פיר פרויען, עלאסטישע זאקען פיר געשוואלענע פיס, אונד פערשיעדענע אנדערע כירורגישע ארטיקלען — צו בעקומען נור ביים אפטישען-כירורגישען געשעפט אונטער דער פירמא: אלעקסאנדער סענאטארסקא 22 ווארשוי.

אדרעססע:
„АЛЕКСАНДРЪ"
Сенаторская ул. № 22,
Варшава.

דא עס האט זיך געציגט דאס מען מאכט נאך דיזע ברוכבענדער ביטען מיר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגינעלע מיט׳ן סטעמפעל פאן אונזער פירמע.

III. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 37

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האלביאהריג —.6 ״
פירטעליאהריג —.3 ״
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 ״
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
20 העלער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ-יאהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאָהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאָהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 ״
דען 1טען אויגוסט — 1 ״

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפ.

קראָקויא, אלול תרס״א. נומר 37. Krakau, 12 September 1901.

## דאס נייע יאהר.

דעם אלטען אַלטען גרייז — דעם יודישען פאָלק איז נאָך א יאהר צוגעקומען. די שווערקייט פון נאָך אַ יאָהר צרות און גלות האָט זיך ווידער נעלעגט אויף זיין פיעל געבויגענעם, נעבראָכענעם רוקען פון די טויזענדער יאהרען פעק צרות, וועלכע ער טראָגט אויף זיך.

און וואָס ווייטער אַ יאָהר איז אַליץ ערגער. די יודישע צרות און אומגליקען ווערען ניט קלענער, די קרעכצען און זיפצען פון יודישען פאָלק הערען זיך אַלע יאהר שטאַרקער און צו זיין לעבענס־געשיכטע קומען צו פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר נייע טרויעריגע, האַרצרייסענדיגע בלעטער.

דער מי ברָעב ומי בּאש האבען אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר געהערשט צווישען יודען מעהר ווי אַלע יאָהר, טויזענדער אומגליקליכע האָבען געמוזט אַרויס פון זייערע איינגעזעסענע ערטער מיט דעם נאַנצען ונתנה תוקף אויף זייערע פלייצעס. פאַר הונדערטער טויזענ־דער מענשען איז געשטאַנען די פראַגע: מי יחיה ומי ימות מי ינוח ומי ינוע, נאָר וואוהין האָבען געקענט געהן די הונגעריגע נע־ונד׳ניקעס פון דרום און די נשרפים פון צפון און מערב? וואו קענען זיי גע־פינען אַ ווינקעל וואו אויסצוריהען און וואו צו האָבען אַ שטיקיל ברויט, אַ שטיקיל פרנסה? אפשר פון איין אָרט אין דער טשערטאַ אין איין אַנדערען, אָבער אומעטום ליידען זייערע איינגעזעסענע ברידער געגוג פון מי בּחניקה — מען ווערט דערוואָרגען פון ענגשאַפט, פון ווינציג לופט, געהן אפשר אין אנדערע לענדער אָדער אויף יענער זייט ים? אָבער דאָרט וועט מען נור בעגעגענען אין די וויסטע חעל־דער און וועלדער פיעל אַנדערע וואנדערער נע־ונד׳ניקעס, וועלכע וועלען זיך פרעגען איינער דעם צווייטען: וואוהין זאָלען מיר געהן? און וועלען נור הערען אַ פוסטען ווידער־קול, אָבער ניט קיין גוטען מענשליכען ענטפער אויף זייער פראגע. די היים פון די אומגליקליכע נע־ונד׳ניקעס איז אומעטום און ניט אין ערגיץ.

מי בּצמא? גרוים איז געוועזן דער דאָרשט, וועלכען עס האבען געליטען אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר יודישע קינדער, וואָס דאַרפען און מוזען לערנען; אויך ווי נע־ונדנ׳יקעס שלעפען זיך אַרום יודישע קינדער פון איין שול צו דער אַנדערער און קלאַפען אין די טיהרען, בעטען און וויינען, מען זאָל זיי אויך לאָזען טרינקען פון די קוועלען, וועלכע אנדערע קינדער טרינקען, זיי ווילען אויך אויסוואַקסען מענ־שען און זיין צו מענשען גלייך; אָבער קיינער הערט ניט זייערע גע־בעטען, קיינער זעהט ניט זייערע טרעהרען, און די טיהרען, אין וועל־כע זיי הערען ניט אויף צו קלאַפען, עפענען זיך ניט פאַר זיי. אין קיין יאָהר זענען יודישע קינדער ניט געוועזען אַזוי נע־ונד ווי היינטיגס יאָהר; אין קיין יאָהר האבען זיך אַזוי פיעל טרעהרען ניט נעגאָסען פון יודישע עלטערן ווי אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר, ווייל פאַר עלטערן איז ניט דאָ קיין גרעסערער וועהטיג אין האַרצען, ווען זיי דאַרפען צוזעהן, ווי אַלע זייערע האָפנונגען, וועלכע זיי לעגען אויף זייערע קינדער, ווערען צושטערט און צוריסען.

און צו דעם אלטען פאַק צרות, צו די אַלטע פראַגען איז צוגעקומען נאָך אַ פראַגע: וואָס זאָלען מיר טהון מיט אונזערע קינדער, וואוהין און ווי זאָלען מיר זיי שיקען לערנען?

און דער אַלטער, אַלטער גרייז בויגט זיך וואָס נידריגער צו דער ערד פון די צוגעקומענע נייע יאָהרען מיט די שווערע פעקליך צרות. די יונגע פ״לקער קוקען זיך אָפט גאָר ניט אום אויף דעם אַלטען פאָלק, און די וואָס בעמערקען איהם מאַכען אוועק מיט דער האַנד ווי אויף איינעם, וואָס קען מעהר ניט לעבען, וואָס האַלט ביי׳ם גוסן, ווי אויף אַזאַ אומגליקליכען, וואָס קיינער קען איהם שוין ניט העלפען... אַלע וואונדערען זיך נור, ווי קען עס מיט אַזוי פיעל צרות זיך נאָך אַזוי לאַנג האַלטען...

נאָר ווען עס קומט צו א נייעס יאָהר, חאפט דער אַלטער דעם שופר און מיט אַלע קרעפטען הויבט ער אָן צו בלאָזען אַ תקיעה גדולה הויך און לאַנג, ווי לאַנג ער קען נור ציהען דעם אָטהעם, אַז אַלע פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט זאָלען דערהערען זיין בלאָ־זען און זאָלען זיך דערוויסען אַז דאָס אלטע יודישע פאָלק לעבט און וועט לעבען.

און וואָס פאַר אַ ווערטה האָט ביי דעם פיעל טויזענד יאָהרי־גען יסורים׳דיג פאָלק נאָך אַ יאָהר צרות, עס זעהט זיך ביי איהם אָן ווי אַ טראָפען אין גרויסען ים. פאַר זיינע אלטע אויגען זענען פיעל יונגע, שטאַרקע פעלקער געשטאָרבען און דאָס אַלטע פערמיטשעט יודישע פאָלק לעבט מיט אַלע זיינע איברים, און אַזוי ווי אַלעס וואָס

לעבט אויף דער וועלט, הערט ניט אויף צו האפען אויף בעסערע צייטען, אזוי האפען מיר אויך נאך אויף גוטע און גליקליכע יאהרען.

דאס יודישע פאלק איז נור קערפערליך אלט און צובראכען אין זיין פיעל ליידען און צרות, אבער אין זיין גייסט איז ער אייביג יונג, יונג ווי דאס נייע יאהר התרס״ב, וואס קומט אן. זאל מען נור אין דעם נייעס יאהר ניט שרייבען קיין שלעכטע קוויטליך אויף יודען, ניט אויסטראכטען קיין נייע בלבולים, ניט טרייבען, ניט שטערען אונז צו לעבען, זאל מען אונז אויך לאזען רוהיג ארבייטען, מיר זאלען קענען אויך לעבען גלייך מיט אלע מענשען.

יעדעס נייע יאהר רופט דער שופר צוזאמען דאס גאנצע יודי־שע פאלק און איז מודיע, אז מיר לעבען, מיר האבען דאס רעכט צו לעבען און צו האפען אויף בעסערע צייטען, אויף גוטע יאהרען, און מיט די בעסטע האפנונגען ווינשט איינער דעם צווייטען לשנה טובה!

מ. ס.

---

## דער פינפטער ציוניסטען־קאנגרעס.

דער אקציאנסקאמיטעט האט בעשטימט דעם פינפטען קאנגרעס אויף דעם 26 ביז 29 דעצעמבער 1901 אין באזעל מיט דעם פאלגענדען פראגראם:

### דער 1־טער טאג (דאנערשטאג).

א. פארמיטאג 10 א זייגער:

I. דאס עפענען פון קאנגרעס דורך דעם פרעזידענטען פון אקציאנס־קאמיטעט.

II. דאס אויסקלייבען פון לעגיטימאציאנס־קאמיסיאן, קאנגרעס־בירא און די איבריגע קאמיסיאנען.

III. געשעפטסארדנונג.

IV. דין וחשבון פון אקציאנסקאמיטעט: אלגעמיינער טהייל; דער חשבון פון דער קאסע.

ב. נאכמיטאג 4 א זייגער:

V. ויכוחים איבער דעם דין וחשבון.

### דער 2־טער טאג (פרייטאג).

פארמיטאג 10 א זייגער:

VI. פראגען וועגען דער קערפערליכער, גייסטיגער און ווירט־שאפטליכער פערבעסערונג פון דעם יודישען לעבען. הויפט רעפערענט: דר. מאקס נארדוי.

דער פונקט בעשטעהט פון איין אלגעמיינעם טהייל און איין ספעציעלען. דער ספעציעלער צופאלט אויף די דאזיגע פונקטען:

1. די פיזישע ענטוויקלונג.

2. דאס גייסטיגע לעבען: א) יודישע געשיכטע, ליטעראטור און שפראך 2) יודישע קונסט 3) יודישע וויסענשאפט 4) פאלקס־בילדונג און פאלקסערציהונג.

די ויכוחים איבער די רעפעראטען וועלען דויערען דעם טאג ביז 3 א זייגער נאכמיטאג.

---

# פעליעטאן.

## אין בויבעריק.

### אויף א דאטשע.

(בילדער, טיפען, בעגעגענישען, צרות און פערגעניגען).

פון

### שלום־עליכם.

---

טז.

[געסט. — א לייבליכער פעטער. יענטיל דער מומע־זלאטעס. — אומזיסטיגע טרעהרען].

נעקומען צופאהרען פון שטאדט א פערברענטער, א פערשרפה׳טער, איין אויסגעמוטשעטער, א הונגעריגער, לויפען מיר אקעגען די קלענערע קינדער מיט א גדולה:

— פאפאשא! נאסטי! אונאס נאסטי! *)

— גאט ליב דיר מיט דיינע געסט, סקאצעל קומט! — זאגט צו מיר מיין ווייב — די משפחה דיינע! געוואהרע געווארען, אז דו האסט פער־דינט געלד, האבען זיי זיך צולאזט פון דער גארער וועלט! וואו זענען זיי געוועזען פריהער, ניט היינט געדאכט, אז דער דלות האט געפייפט אין אלע ווינקעליך?...

— שוין לאנג שטיל געוועזען! — טראכט איך מיר און לאז מיך געהן אויף דער דאטשע, קומט מיר אקעגען איין אלטער יוד מיט א טוידט פנים, מיט איינגעפאלענע באקען און מיט א גרויסער בארד, און נעבען איהם שטעהט א נידריג ווייביל מיט א רויטע נאז און מיט א געלע זיידענע פער־טשיילע, פערלייגט ארינטער די אויערען, און מיט א ווארימע שאל אויף די פלייצעס, חאטש ס׳אין דרויסען ניט אזוי קאלט. דאס ווייביל טהוט זיך מיר א מאדנעם בייג, א וויש די נאז מיט צוויי פינגער און א זאג מיט א זיס שמייכעלי:

— האסט מיך ניט דערקענט? געה שוין געה! איך בין דאך יענטיל דער מומע זלאטעס, און דאס איז דער טאטע מיינער, דיין פעטער זלמן; ער איז שטארק פערעלטערט געווארען, איא? איך האב זיך שוין בעקענט דא מיט אלע דיינע קינדערליך, איינס שענער פונ׳ס אנדערען קיין עין־הרע ניט!

— שלום־עליכם, פעטער! — זאג איך צום פעטער זלמן — פון וואנען קומט איהר אן?

— מחיה־נפשות! — ענטפערט מיר דער פעטער זלמן אויף א הויך קול און מאכט מיט די ליפען ווי א מענש בשעת ער עסט און האט הנאה — בעסער, הערסט דו, קאן שוין גאר ניט זיין! וואס זשע מאכסט דו גוטס? הא? שוין לאנג, הערסט דו, נישט געזעהען זיך? אוודאי א יאהר צוויי און צוואנציג הא? און אפשר מעהר? שא שא, איך וועל דיר באלד זאגען! וויפיעל האבען מיר פון יענטעלים התונה? הא? פונקט פון איהר חתונה אן האבען מיר זיך ניט געזעהען! וואס זשע מאכסט דו עפיס אין געזונד, הא? ווי געהט דאס דיר אין די געשעפטען, הא?

— דאנקען גאט, — זאג איך — נו און איהר וואס מאכט?

— גלייך פון אווריטש, פון דערהיים הייסט דאס! — מאכט ער צו מיר אויף א קול — געוועזען ביי דיר אין שטאדט, געקלאפט נעקלאפט אין דער טהיר, מע עפענט ניט! הקצור מע זאגט דו ביזט אין בויבעריק. וואס טהוסט דו אין בויבעריק, הא? אויף זומער הייסט דאס, הא?

— ער דערהערט נישט מאכט צו מיר יענטיל — זינט די מאמע מיר צו ליינגערע יאהר איז געשטארבען, איז ער ניט פאר דיר נעדאכט געווארען טויב, אבער ווי אזוי מיינסט דו טויב? ווי די וואנד!

— ס׳איז דא, הערסט דו, אויסגעצייכענט גוט! הא? — שרייט צו מיר דער פעטער זלמן אויף א קול, גלייך ווי איך וואלט דא געוועזען דער

*) פאטער, געסט!

3־טער טאג (שבת).

אָווענד־אסיפה, אָנהויב 6 אַ זייגער:

VII. ארגאַניזאציאָן. (רעפעראטען און ויכוחים).

4־טער טאג (זונטאג).

א. פֿאָרמיטאג 10 אַ זייגער:

VIII. נאַציאָנאַלפאנד.

IX. די יודישע קאָלאָניאַל באַנק.

ב. נאכמיטאָג 4 אַ זייגער:

X. דין וחשבון פֿון די שטענדיגע קאָמיסיאָנען.

XI. דאָס אויסקלויבען פֿון אַקציאָנסקאָמיטעט און די קאָמיסיאָנען.

XII. אנטרעגע און אַנדערע ענינים.

די נעמען פֿון די פֿערשיעדענע רעפערענטען וועלען אָנגעגעבען ווערען שפּעטער.

„Die Welt".

---

# איין אפֿענער בריעף צום רעדאקטאר פֿון „המליץ".

געעהרטער העררו!

ווען מיר וואָלטען געוואָלט זיכער זיין, אַז אונזער אָפֿענער בריעף זאָל געדרוקט זיין אין „המליץ", וואָלטען מיר אייגענטליך געהאַט נאָר אַ גוט מיטעל דערצו: עס וואָלט גענוג געווען, מיר זאָלען אביסיל זידלען „אַחיאסף" אדער איינע פֿון די צייטונגען אָדער ספֿרים, וואָס „אחיאסף" גיט אַרויס, — און דער בריעף אונזערער וואָלט געדרוקט געוואָרען אין „המליץ" וואָרט פֿאַר וואָרט. מיר וויסען גאַנץ גוט, אַז יעדער, וואָס וויל געדרוקט זיין אין „המליץ", דאַרף נור איין זאַך טהון: זידלען „אהיאסף" אדער זיינע אויסגאבען. און דאָך גלויבען מיר, אַז דאָס יעצטיגע מאָל וועט איהר אַזוי גוט זיין דרוקען אונזער בריעף, האָטש מיר בעריהרען גישט מיט איין וואָרט „אַחיאסף" און זידלען נישט זיינע צייטונגען אדער ספרים, וואָס ער גיט אַרויס. מיר טהון עס דאָך נור פֿאַר'ן אֱמת, וואָס דו האָסט איהם אַזוי הייס ליעב.

וועסט דו אונז ערלויבען צו רעדען עטליכע ווערטער וועגען דעם סיסטעם פֿון „המליץ"?

שוין אַ האַלב יאָהר געפינען מיר, און מיט אונז אויך אלע לעזער, אַז דער „המליץ" האָט זיך פֿאַרגענומען סיסטעמאַטיש, כמעט יעדען טאָג אָנצופאַלען אויף אַחיאָסף. עס געהט כמעט קיין טאָג נישט פֿאָריבער, אז דער „המליץ" זאָל נישט דערמאַנען „אַחיאָסף" אָדער איינע פֿון זיינע צייטונגען לִגנַאי, אין אַ'ן עקסטרא מאמר, ציי אַזוי, טהיילמאל אָפֿען, און טהיילמאָל פֿערשטעלט, מיט א רמז, אַ שטאָך א. ד. ג. ווי עס איז, זעהט אויס, אַז פֿאַר'ן „המליץ" איז עס אַ מצוה, וואָס ער מוז מקיים זיין יעדען טאָג, ווי אַ פֿרומער יוד — דאַווענען. נאָר אויב דער „המליץ" האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם צו זידלען, האָבען מיר געהאַט דאָס אונזערע—צו שווייגען: דער „המליץ" האָט דערצעהלט זיינע לעזער, אַז דער „הדור" איז אַ'ן אַנטיסעמיט— און מיר האָבען געשווינען; דער „המליץ" האָט געשריבען, אַז „דער

---

טויבער, ניט ער — איך זאָג דיר הערסט דו, ס'איז דאָ איין אַנטיק! מַמש אַ גן־עֵדֶן! האַ? איך רעכען דאָ אם־יִרְצֶה־הַשֵם פֿערברייננען אַ וואָך צוויי אָדער דריי, האַ?

— מיר האָבען געוואָלט פֿערפֿאָהרען אויף אַ סטאַנציע — זאָגט יענטיל און פֿערענטפֿערט זיך — האָט זיך דער טאַטע איינגעשפּאַרט נאָר אהער; דו וועסט זיך בעליידיגען, זאָגט ער, טאָמער שטעהען מיר ביי פֿרעמדען; איך בין דאָך איהם, זאָגט ער, אַ לייבליכער פֿעטער, עס פּאַסט נישט!

— און ווער איז יענע פֿאָרפֿאָלק? — זאָג איך און ווייז אָן אויף אַ יודען מיט אַ יודינע, וואָס זיצען אויף דער וועראַנדע און טרונקען טהיי פֿון די שאָלען, בלאָזען און קוויקען זיך.

— לאָס איך אַזוי וויסען בייז! — זאָגט צו מיר יענטיל שטילערהייט און ווישט זיך די ליפּען און קוקט אויפֿ'ן פֿאָרפֿאָלק. — ס'איז ווייזט אוים מאָן און ווייב; זיי זענען געפֿאָהרען מיט אונז פֿון חוואַסטיוו אין מיין וואַגאָן, האָבען מיר זיך צורעדט ווי געוויינטליך אונטערוועגנס: וואוהין פֿאָהרט איהר? וואוהין פֿאהרט איהר? אַהין אַהער, בקצור זיי זענען געוואָהרע געוואָרען, אַז מיר פֿאָהרען צו דיר, און אַז דיר איז איצטער קיין עין־הרע די צייט גוט, דו פֿערשטעהסט?... זיי זענען, זאגען זיי, מיט דיר קרובים און נאָהענטע קרובים. פֿרעג איך: ווי אַזוי? זאגען זיי: „ס'איז געקניפּט און געבונדען". נאָר ווי אַרום און ווי אַזוי? קאָן מען ביי זיי נישט וויסען; הויבט ער אָן דערצעהלען שלאָגט זי איהם איבער; הויבט זי אָן דערצעהלען שלאָגט ער איהר איבער—אַ מעשה אָהן אַ איין עק! דו הער בעסער אוים מיך; מיר זענען דאָך יאָ איינענע געשוועסטערקינדער!

און יענטיל דערצעהלט מיר אוים איהר ביטער האַרץ ווי אַזוי ס'איז איהר נעביך איצט זעהר נישט גוט די צייט, דאָס הייסט גוט איז איהר קיין מאָל נישט געווען, פֿון דער ערשטער מינוט אָן נאָך איהר חופּה האָט זי נאָך, זאָגט זי, קיין גוטען טאָג ניט פֿערזוכט; נאָר נאָר נישט, ווי זאָגט מען, ס'איז געווען „גומער ערגער". נאָר פֿון אַ צייט, זאגט זי, אַז סע געהט איהר אַלע מאָל ערגער און ערגער, און איצט איז איהר אַזוי שלעכט! אַז פֿערדינען, זאָגט זי, פֿערדינט זיך גאָר ניט, און דאַרפֿען דאַרף מען אַסך! און דערצו איז פֿאַראַן, זאָגט זי, ווייטיגע צרות און ווייטיגען: דאָס איז אַ פּריזיוו, און דאָס איז אַ קינד אויף חתונה מאַכען, און דאָס פֿאַלט אַ בְהֵמָה, און דאָס ברענט אָב די קלייט מע ראַטעוועט' ניט אַרוים זאָלסט זאָגען אַ פֿאָדעם! איז שוין דאַכט זיך גוט אַרום און אַרום, איאָ? לייגט זיך אַוועק אַ מויד פֿון קרוב דרייצעהן יאָהר אַ שענע, אַ ריינע אַ גלאַטע, אַ מתְ־יָה'דיגע, און שטאַרבט אַוועק! סאָס'ל האָט זי געהייסען, טאַקי נאָך דער מומע סאָסי, געווען תמיד געזונד און שטאַרק, קיין מאָל נישט געוואוסט אַ פֿינגער זאָל וועה טהון, און פּלוצים קומט זי צו געהן פֿונ'ם מארק, שטעלט אַוועק דעם קאָשעק, דאָס פּנים טוידט ווי די וואַנד. „וועה איז מיר, טאָכטער, וואָס איז דיר?" — גאָר ניט — זאָגט זי — דער קאָפּ טהוט מיר עפּיס וועה. איך טהו זי אַ טאַפּ ביים קאָפּ — אַ העליש פֿייער! „לייג זיך צו, טאָכטער, אויף אַ ווײלע, איך וועל אַ לויף טהון צום דאָקטאָר". — „וואָס טויג דיר, זאָגט זי, מאַמע, דער דאָקטאָר? איין עֲבֵירָה אַ צווייער, ס'וועט מיר איבערגעהן! לאָס איך בעסער, זאָגט זי, אויסזאַלצען דאָס פֿלייש און אָנשיילען קאַרטאָפֿלים"... איך זעה אָבער אַז דאָס קינד עקט זיך, הער איך זי ניט און לייג זי אריין מיט גוואַלד אין בעט אַריין, וועה איז מיר, און לויף אַוועק צום דאָקטאָר, נישטאָ דער דאָקטאָר! וואו איז דער דאָקטאָר? דאָקטאָר־דאָקטאָר! דאָקטאָר־דאָקטאָר! דער דאָקטאָר איז ערגיץ אין אַלדע שוואַרצע יאָהר אונטער'ן שטעדטיל: נאָר ס'איז עפּיס אַ תרוץ? דער דאָקטאָר זאָל מיר זיין! בקצור איך האָב איהם אראָבגעבראַכט דעם שענעם דאָקטאָר, און אַז איך בין געקומען מיט'ן דאָקטאָר האָב איך זי שוין געטראָפֿען וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא, אָהן לשון, די אויגען אַרויף, „טאָכטעריל האָסט מיך דערקענט?" — ווער? וואָס? וועמען? רעד צו דער וואַנד! — און ביז טאָג איז זי ניט געוואָרען! איין אויסהאַפּעניש משטיינס־געזאָגט געקומען אויף איהר! אַ שענע אַ געזונדע, אַ ליכטיגע, ווי אַזוי לייגט מען אַזעלכעס אין דער ערד אַריין?!.....

און יענטיל דער מומע זלאַטעס צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד, און איך, אויף איהר קוקענדיג, פֿיהל אַז עס שטיקען מיך די טרעהרען.

יוד" שרייבט מסירות אויפ'ן פאָלק ווי סובאָרין א. ז. וו. — און מיר האָבען נעשוויגען; דער „המליץ" האָט געשריבען, אַז „דער יוד" איז אַ „כלב יהודי" — און מיר האָבען נעשוויגען; אין „המליץ" האָט מען פערגלייכט דעם „השלח", וואָס איז רעדעגירט דורך „אחד העם", מיט די „קאָנטראַבאַנדיסטען" פון עפרון—און מיר האָבען נעשוויגען; דער „המליץ" האָט אָבגעדרוקט אַ גאַנצען בריעף זידלעריי אויפ'ן „הדור", אונטער דעם נאָמען פון ה' פינקעלשטיין (חאָטש לויט ה' פינקעלשטיין'ס רייד האָט ער צום „המליץ" נור אַ פריוואַטבריעף געשריבען, און די רעדאַקציע האָט צוגעשטעלט צו זיין בריעף זאַכען, וואָס ער האָט זיי נישט געשריעבען)—און מיר האָבען געשוויגען; דער „המליץ" האָט געדרוקט פון איינעם „בן דוב", אַז דער רעדאַקטאָר פון „הדור" טוישט זיינע איבערציינגונגען, ווייל ביי איהם האָט דער אָמת נישט קיין ווערטה מעהר ווי אַ שאָליכץ פון אַ ציבעלע — און מיר האָבען געשוויגען; בקיצור, די אַלע שרייבערליך, וואָס האָבען אונז איינגעשיקט זייערע אַרטיקלען און שירים צו דרוקען אין אונזערע צייטונגען, און מיר האָבען זייערע אַרטיקלען נישט געקאָנט אָננעמען, די אַלע זענען געלאָפען אין „המליץ" זידלען—און מיר האָבען נעשווינען. מיר האָבען געשוויגען און געטראַכט: יעדען געפעלט זיך זיין וועג. נעפעלט עס דעם המליץ צו פיהרען אַזאַ מלחמה מיט „אַחיאָסף", זאָל איהם גאָט העלפען: מן־הסתם ווייסט ער, אַז אַ'ן אָרענטליכע צייטונג ברויך אַזוי צו טהון. מיר האָבען געטראַכט: זאָל זיך „דער עלטסטער פון די יודישע אָרנאַנען" טהון, ווי ער געפינט פאַר זיך בעסער, ביז ער וועט נאָך אַביסיל עלטער ווערען, און וועט פערשטעהן, וואָס ער האָט געטהון. אויב ער געפינט אין דעם „השלח" און „הדור" קאָנקורענץ פאַר'ן המליץ און אין דעם „יוד" — פאַר זיינע „בלעטער", און רעכענט, אַז מיטן זידלערייען וועט ער די קאָנקורענץ אַבשוואַכען — וועלען מיר איהם נישט לערנען און אויפווייזען איהם זיין טעות.

און אַזוי האָבען מיר געשוויגען, ביז די זאַך האָט אָנגעריהרט אין אונזער כבוד.

אַ חברה, וואָס האָט חברים אין גאַנץ רוסלאַנד, צווישען וועלכע עס געפינען זיך גענוג בעקאַנטע, בעריהמטע מענער, און וואָס מען קאָן אויף קיין פאַל איהר נישט פאָרוואַרפען אַז זי שטרעבט צו מאַכען אַ געשעפט פון דער ליטעראַטור — אַזאַ חברה, דאַכט זיך אונז, ברויך נישט זיך מטפל צו זיין מיט יעדער נאַרישקייט, וואָס קאָן קומען יעדען שלים־מזל אין מח אַריין. נאָר אַז דער „המליץ" קומט מיט בלבולים און וויל פערשמוצען אונזער עהרע, קאָנען מיר מעהר נישט שוויינען. אַז די זידלערייען דערגרייכען שוין צו דעם פאַקט, וואָס מען רופט געוועהנליך „מסירות", דאַמאָלס מוזען מיר פראָטעסטירען.

אין „המליץ" נומער 170, אין דעם איינגעם נומער, וואָס מען האָט פערגלייכט אַ'ן ערצעהלונג פון „השלח" מיט די „קאָנטראַבאַנדיסטען" און וואו מען האָט אונז פאָרגעוואָרפען, אַז מיט דער ערצעהלונג „ספר־הקבצנים" פון אונזער גרויסען שרייבער מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס מיר דרוקען אין „הדור" אין פאָרטזעטצונגען, נאַרען מיר אויס דאָס פובליקום א. ז. וו.—אין דעמזעלבען נומער נעפינען מיר ווערטער, וואָס זענען איינפאַך מסירות און מלשינות אויפ'ן ערגסטען אַרט: דאָרט דערצעהלט איינער אַ מעשה מיט אַ טאָן, וואָס דעם לע־

— וואָס איז? וואָס איז דער געוויין — רופט זיך אָן צו מיר מיין חיה עטיל און נעהט צו צו מיר.

איך וויל איהר ענטפערען, קאָן איך ניט אויסרעדען קיין וואָרט. איך שלינג די טרעהרען. איך נעם זיך אָן מיט כח און זאָג:

— נעביך אַ קינד ביי איהר געשטאָ...... אַ מיידיל פון דרייצעהן יאָה......

— שוין לאַנג? — פרעגט חיה עטיל ווי דערשראָקען.

— שוין אַ יאָהר נייען, אָדער צעהן — זאָגט יענטיל און רופט זיך אָן צום פעטער־זלמן — טאַטע, וויפיעל איז שוין אַז סאָסיל איז געשטאָרבען? דו בעדאַרפסט וויסען אַקוראַט.

— פון אַווריטש? — זאָגט דער פעטער זלמן—פון אַווריטש אַהער מיט דער אַכם רעכענט זיך אַ ווערסט דריט האַלבען הונדערט, און אפשר טאַקי אַלע דריי הונדערט, האַ?...

בּכדי איך זאָל ניט אויסשיסען קיין געלעכטער, פערליער איך די בריל, בייג זיך אָן און לאָז מיך נעהן אויף דער ווערענדע מקבל־פּנים זיין די איבעריגע געסט, וואָס זיצען און טרונקען טהיי פון די שאָלען, בלאָזען און קוויקען זיך.

---

יז.

[דאָס פאַרפאַלק. — „געקניפט און געבונדען". — אַ מעשה אָהן איין עק.]

איך געה צו צום פאַרפאָלק און טרעף זיי זיצען שטאַרק פערשוויצט פון דער טהיי. ער טראָגט אַ סאַמעטענעם קאַשקעט מיט אַ גאַנץ ברייטען דעניק, און זי — אַ פאַריק מיט אַ ווייסען שרינט. ביידע זענען זיי גוט געפאַקט, וועגען אינאיינעם בּלאָ־נוומא אַ פוד פיפצעהן אָדער זעכצעהן. איך זעץ מיך צו צו זיי, איך פערבונד מיט זיי אַ שמועס: דאָס, יענץ, פון וואַנען פאָהרט איהר און ווער זענט איהר?

— ווער מיר זענען? — מאַכט צו מיר דער מאַן און ווישט זיך דעם שוויים מיט דער קאַפּאָטע — אָט וועט איהר באַלד האָרכען, נאָר קודם־כּל, זאָגט מיר. וואָס איך וועל אייך פרעגען: ווי אַזוי האָט געהייסען דער ווידע אייערער פון דער מאַמעס צד, נישט רב מרדכי'לע?

— רב מרדכי'לע—זאָג איך.

— שוין געשטאָרבען? פרעגט ער.

— אָ האָ!—זאָג איך—שוין לאַנג געשטאָרבען!

— ברוך דין אמת! — מאַכט ער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ - מפוּ־פוּ־פוּ! — געווען איין עהרליכער יוד אייך צו לייננערע יאָהר און אַ מופלג בּתּורה! אויף איהם מעג מען טאָקי זאָגען: זכר צדיק לברכה! נו און די באָבע חנה'לי וואָס מאַכט?

— אויך געשטאָרבען.

— לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, אויך געווען אַ כּשר'ה יודינע—זאָגט ער און דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צום ווייב: דו האָסט זיי נישט געקענט, ווייסט דו ניט וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ רב מרדכי'לי און פאַר אַ חנה'לי! הערט איהר? (ער דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צו מיר) איהר האָט געהאַט אַ ויידען מיט אַ באָבע, וואָס: ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ ויידען מיט אַ באבע איהר האָט געהאַט!

— איך ווייס — זאָג איך — אַז איך האָב געהאַט אַ ויידען מיט אַ באבע. זאָגט ווער זענט איהר?

— אָט וועט איהר באַלד האָרכען — מאַכט ער און פערקאַטשעט די אַרביל כמעט ביז די עלענבויגענס און נעמט זיך אָן ביי דער באָרד און שאָקעלט זיך און רעדט מיט אַ נגון און מיט אַ שמייכעלי: אייער ווידע רב מרדכי'לי איז אַליין געווען אַ קאָרסישעווער פון קאָרסישעוו, און האָט געהאַט אין קאָרסישעוו צוויי שוועסטער האָט ער געהאַט: נחמה'לי און זיסעלי; האָט די נחמהלי געהאַט צוויי מאַנען, צוויי מאָל הייסט דאַס חתונה געהאַט; דאָס ערשטע מאָל טאַקי פון קאָרסישעוו פאַר לייבעלי קאָרסישעווער; אַזוי האָט מען איהם גערופען; און דאָס אַנדערע מאָל האָט זי חתונה געהאַט פאַר רב שמחה'לען טאַקי ווידער פון קאָרסישעוו. און דער רב שמחה'לי קאָרסישעווער אַז ער האָט חתונה געהאַט—הייסט דאָס פאַר

זער פֿאַלט נישט איין צו קלעהרען, אַז דאָס איז אויסגעטראַכט פֿון קאָפּ. גאַנץ ערנסט ווערט דאָרט דערצעהלט. אַז אַ קריסט, אריינקומענדיג אין אַ יודיש הויז, האַט בעמערקט אויף דער וואַנד אַ קריסטליך רעליגיעזיש בילד, און האָט גערופֿען דעם אוראַדניק פֿער׳מסר׳ען, אַז דער יוד האַנדעלט מיט קריסטליכע הייליגע בילדער, ביז דער רב פֿון דער שטאָדט האָט געמוזט עדות זאָגען, אַז די בילדער שטעלען נישט פֿאָר די הייליגע פֿון די קריסטען, נור משה, אהרן און חור; און דאָס ראָזיגע בילד האַט דער יוד געקראָגען אַלס הוספה פֿון אַ זשאַרגאָנישער צייטונג.

פֿון אַ זשאַרגאָנישער צייטונג — מיר האָבען נור איין זשאַ־נאָנישע צייטונג, וואָס מיר געבען אַרויס — „דער יוד“. וואָס גיט זיינע אַבאָנענטען אַלס ביילאַגע בילדער. מען זעהט אַלזאָ אַרויס קלאָהר, דאָס די כונה פֿון „המליץ“ איז געווען ווי איינער רעדט: יודען, היט אייך, שרייבט נישט אויס „דעם יוד“, כדי איהר זאָלט חלילה נישט האָבען צו טהון דערנאָך מיט פּאָליציי ווענען די בילדער א. ז. וו...

און אויף אַזאַ מין בלבול קאָנען מיר נור ענטפֿערען: דאס איז אַ נידערטרעכטיגקייט, און דער וואָס האט געשריבען דעם פּאַשקוויל, אונטערגעשריבען מיט אַ פּסעוודאָנים, דער איז — אַ נידריגער, געמיינער מענש.

דאָס איז אַ נידערטרעכטיגקייט, ווייל מען מאַכט אונז פֿאָרוואורפֿע אויף בילדער, וואס דער „המליץ“ אַליין ווייסט גאַנץ גוט, אַז נישט מיר האבען אויסגעטראַכט די בילדער — אַז דאָס זענען קאָפּיעס פֿון בילדער פֿון די בעסטע מאַהלער און גרעסטע קינסטלער אין אויסלאַנד, און ניעדריג און געמיין איז דער מענש, וואָס טראַכט אויס און פֿערעפֿענט אַזעלכע בלבולים.

אין נאָמען פֿון אַלע אונזערע מיטגליעדער פּראָטעסטירען מיר קעגען דעם פֿאַלשען בלבול און קעגען די נידערטרעכטיגקייט פֿון דעם שרייבער, וואָס האט דאס אויסגעטראַכט.

מעהר האָבען מיר דערווייל נישט צו זאגען; אויב דער „המליץ“ רעכענט, אַז פֿאַר זיין געשעפֿט איז בעסער צו פֿיהרען ווייטער די זידלערייען קעגען אונז ווי ביז אַהער, ווען ער וויל אַפֿילו איינפֿיהרען אין זיין בלאַט אַ בעזונדער אַבטהיילונג קעגען „אחיאָסף“ יעדען טאָג, זאָל ער טהון, ווי ער פֿערשטעהט; מיר האָבען איצט געענטפֿערט, ווייל מיר האָבען זיך געפֿיהלט געצוואונגען צו פּראַטעסטירען קעגען אזא נידערטרעכטיגקייט, וואָס האָט בעליידיגט אונזער כבוד.—

אים נאָמען פֿון דער חברה „אחיאָסף“:

אליעזר הכהן קאַפּלאַן

זאב גלוסקין

מתתיהו כהן

דוב סטאַווסקי

י״א אלישוב.

---

דער מומע נחמהלי, איז ער געווען איין אַלמן איז ער געווען, הערט זיך נאָר צו מיט קאָפּ! דאָס ערשטע ווייב זיינס איז אויך געווען אַ קאָרסישעווער, זי האָט געהייסען דבורה׳לי, און זי איז געווען, דבורה׳לי, הייסט דאָס, טאַקי דעם ווידענס איין אייגענע, איהר פֿערשטעהט? האָט זי דער ווידע אייערער חתונה געמאַכט, איהר הערט צי ניין, פֿאַר זיינעם אַ שוואָגער טאַקי רב שמחה׳לי בשעת ער איז נאָך ניט געווען זיינער אַ שוואָגער; און ערשט נאָכדעם, אַז די דבורה׳לי איז געשטאָרבען, האָט דער רב שמחה׳לי גענומען אייער ווידענס שוועסטער די מומע נחמה׳לי, און האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָט ער איהר אַ נאָמען געגעבען רייזעלי, נאָך זיין מאַמע רייזי, וואָס זי איז געווען טאַקי אייער ווידענס אַ מומע; האָט די רייזעלי רב שמחה׳לעס נאָכדעם חתונה׳ געהאַט פֿון מאַנעסטרישטש, טאַקי פֿאַר איין אייגענעם פֿון דער באַבעס צד, מאיר׳ל האָט ער געהייסען; איהר פֿערשטעהט ווי דאָס געהט? ס׳איז געקניפּט און געבונדען!

— ס׳איז געקניפּט און געבונדען! שלאָגט איהם איבער דאָס ווייב — ער האָט אָבער פֿערגעסען זאָגען ווי אַזוי געהר זיך אָן רייזעלי מיט איהר מאַן אַ קרוב? אַט וועל איך אייך דערצעהלען! אייער באַבע חנה׳לי פֿון קאָרסישעוו האָט געהאַט אַ פֿעטער אין מעזשביזש האָט ער געהייסען נח...

— סקאָציל קומט! — שלאָגט איבער דער מאַן — זי איז פֿערפֿאָהרען אַזש קיין מעזשביזש צום פֿעטער נח! לאָז מיך וועל איך זיי קלאָהר מאַכען די משפחה אַקוראַט. הקצור אייער ווידענס אַנדערע שוועסטער זיסעלי האָט געהאַט אַ מאַן פֿון הולייפּאָלי, רב לוי׳ניו האָט מען איהם גערופֿען; האָט זי נישט געהאַט קיין קינדער. האָט זי זיך מיט איהם גע׳גט, און האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל, פֿון מאַנעסטרישטש, פֿאַר איינעם אַ נעוויסען רב נפתלי מאַנעסטרישטשער, און האָט געהאַט מיט איהם אַזוי נרוים ווי פֿינף זיהן מיט זיבען טעכטער.

— פונקט קאַפּויר! — שלאָגט איהם איבער דאָס ווייב — זיבען זיהן מיט פֿינף טעכטער.

— מיין איך זיבען זיהן מיט פֿינף טעכטער (ער צעהלט אויף די פֿינגער:) ברוך׳ל, חיימיל, יענקעלי, הערצעלי, בערישיל, פֿישעלי, יוסילי, און עטעלי, רבקה׳לי, האָדעלי, פֿיינעלי, קריינדעלי, אַזוי דאַכט זיך? איז ברוך׳ל געשטאָרבען, און יענקעלי האָט חתונה געהאַט קיין קאָרסישעוו, גענומען רייזעלי דער מומע נחמה׳לעס, וואָס געהר זיך אָן אייער ווידען רב מרדכי׳לי איין אייגענע פּלימעניצע; האָבען זיך הייסט דאָס דער ווידע מיט דער באבע משׂדך געווען, איהר פֿערשטעהט ווי עס קייטעלט זיך? ס׳איז געקניפּט און געבונדען! זאָגט אפֿשר אַז ניין?

— יאָ — זאָג איך — ס׳איז געקניפּט און געבונדען. וואָס געהר זיך אָבער אָן מיט אייך? ווער זענט א י ה ר?

— הערט זשע ווייטער! — מאַכט ער צו מיר — אָט דער נפתלי מאַנעסטרישטשער, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, האָט דאָך געהאַט די עלטערע צוויי טעכטער: עטעלי און רבקה׳לי. האָט עטעלי חתונה געהאַט פֿון ראַדאָמישל פֿאַר רב משה לייב ראַדאָמישלערס אַ זוהן, וואָס געהר זיך אָן מיט נפתלי מאַנעסטרישטשער טאַקי איין אייגענער, מחמת נפתלי׳ס אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט פֿאַר משה לייב׳ס אַ ברודער, איהר פֿערשטעהט וואָס דאָ טהוט זיך?

— און וואו האָסט דו אַהינגעטהון רבקה׳לען? — רופֿט זיך אָן דאָס ווייב און וויל אָנהויבען דערצעהלען פֿון רבקה׳לען, דערלאָזט זי נישט דער מאַן; ער פֿערשטעלט איהר דאָס מויל מיט דער האַנד און שרייט.

— האָב צייט מיט רבקה׳לען! וואָס האסט דו קיין צייט ניט? זי וועט זיין גאַנץ! איך וועל זי אין קעשעני ניט בעהאַלטען! יאָ, וואו זשע האַלט איך? — ביי עטעלין אַ פנים. האָט עטעלי פֿון מאַנעסטרישטש הייסט דאָס חתונה געהאַט פֿון ראַדאָמישל ווי איהר ווייסט שוין, טאַקי פֿאַר איין אייגענעם, און רבקה׳לי האָט גענומען אַ מאַן אַ פּליאַסק פֿון מאַנעסטרישטש האָט ער געהייסען העניך, און האָט געהאַט מיט איהם אַ טאָכטער נענענדיל.

— גוט יום־טוב דיר! — זאָגט דאָס ווייב — פֿון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען נענענדיל? נענענדיל איז דאָך נאָר עטעלים טאָכטער פֿון ראַדאָמישל·!

# פאליטישע איבערזיכט.

דער סכסוך צווישען טערקיי און פראנקרייך. — טערקישע פאליטיק. — ווידער די פאסטען און נאך אמאל קריט. — א דיפלאמאטישע קראנקהייט.

דער סִכסוך צווישען פראנקרייך און טערקיי, וואס האט שוין געהאלטען גאר אין גאנצען ביים איינגעשטילט ווערען, האט זיך מיט אמאל ווידער בעניית. די טערקישע רעגירונג, וועלכע האט שוין געהאלטען ביים נאכגעבען, האט אין די לעצטע מינוט חֲרָטה געהאט און ניט געוואלט מעהר איינשטימען אויף די פאדערונגען פון דעם פראנצויזישען געזאנדטען אין קאנסטאנטינאפעל הערךן קאנסטאן: צו היטען די תְנָאִים פון דעם קאנטראקט מיט דער פראנצויזישער פארט־געזעלשאפט און איינצוצאהלען איין אנדער פראנצויזישער געזעלשאפט דעם חוב פון 40 מיליאן פראנק. קאנסטאן האט אויף איין פשרה מיט דער טערקישער רעגירונג ניט געוואלט איינגעהן און האט פערלאנגט דעם הסכם פון סולטאן אויף זיינע פאדערונגען אין פערלויף פון א בעשטימטען טערמין. דער הסכם איז ניט געקומען, און קאנסטאן האט דערום אבגעריסען זיינע פערבינדונגען מיט דער טערקישער רעגירונג און זיך אומגעקעהרט קיין פאריז. טערקיי האט נאך איהר שטייגער נאך זיך גערדרעהט אהין און אהער, פון איין זייט האט זי זיך געסטארעט דורכצוקומען ווי עס איז מיט פראנקרייך און האט איהר צוגעזאגט הָרים וּגבעות, און פון דער אנדער זייט האט זי זיך געסטארעט ווי עס איז זיך פריי צו מאכען פון די פראנצויזישע פרעטענזיעס. די טערקישע רעגירונג האט צו דעם צוועק אנגעקניפט פערהאנדלונגען מיט א דייטשער געזעלשאפט, וועלכער זי האט געוואלט איבערגעבען דאס רעכט און די לגאטעס פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט. צוגלייך האט טערקיי אויך גערעכענט ארויפצולעגען אויף די פראנצויזישע קלויסטערס א אבצאהלונג, פון וועלכער זיי זענען ביז איצט בעפרייט געוועזן. דורך די ביידע דאזיגע פערענדערונגען וואלט פראנקרייך פערלארען א גרויסען טהייל פון איהר איינפלוס אין טערקיי, וועלכער וואלט אריבערגעגאנגען צו דייטשלאנד. פראנקרייך וועט אבער געוויס ניט דערלאזען, אז איהרע פאדערונגען זאלען ניט אנגענומען ווערען, בפרט נאך אז איהרע פאדערונגען שטעהען אין הסכם מיט א בפירוש'דיגען קאנטראקט פון דער טערקישער רעגירונג.

קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט אזוי ווייניג גליק אין איהר פאליטיק ווי טערקיי. זי האט נור אדער אפענע שונאים, אדער פאלשע פריינד. דען ווער פון די טערקישע פריינד קען דען זאגען, אז ער זוכט אין דער פריינדשאפט מיט איהר טערקיי'ס טובה און ניט זיין אייגענעם נוצען? דערום איז קיין וואונדער, אז יעדער טריט, וועלכען טערקיי וויל מאכען, כדי פטור צו ווערען פון דער פרעמדער השגחה ביי זיך אין לאנד, לאזט זיך אויס מיט גאר נישט. טראץ דעם, וואס טערקיי שטעהט גאנץ אליין אין אייראפא, האט זי אויך ניט קיין פעהיגע און קלוגע פאליטיקער, וועלכע וואלטען געוואוסט ווי אבצוהיטען טערקיי לכל הפחות פון אזוינע דיפלאמאטישע טריט, ווי דער איצטיגער סכסוך מיט פראנקרייך, פון וועלכען טערקיי קען געוויס אויף גוטס ניט האפען.

די אויסלענדישע פאסטען לאזען טערקיי נאך אלץ ניט רוהיג שלאפען. נאכדעם, ווי די טערקישע רעגירונג איז אריינגעפאלען ביי איהר געזעץ, מיט וועלכעם זי האט געוואלט מבטל זיין די אויסלענדישע פאסטען אין איהר לאנד, מאכט זי איצט איין אנדער פראבע:

---

— און איך וואס האב געזאגט?

— דו האסט געזאגט דער מומע רבקה'לעס טאכטער.

— עס האט זיך דיר נעחלום'ט! איך האלט נאך גאר אפילו ניט ביי רבקה'לען.

— אוי! — מאכט דאס ווייב און טהוט א טאנץ אונטער — מע קאן דאך פון איהם דעם שלאג בעקומען! דו האסט דאך גאר וואס אויסגערעכענט דעם יחוס פון דער מומע רבקה'לי, אז זי האט חתונה געהאט פון מאנעסטרישטש, אפילו א סימן, זי האט גענומען א מאן א פליאסק העניך האט ער געהייסען.

— זי פערדולט מיר דעם קאפ! — מאכט דער מאן — וואו זשע האלט איך? יא, האט רבקה'לי פון מאנעסטרישטש הייסט דאס געהאט א טאכטער מיין איך א זוהן האט ער געהייסען מענדיל, און עטעלי פון ראדאמישלי האט געהאט א זוהן מיין איך א טאכטער גענענדיל, האבען זיי צווישען זיך א שדוך געטהון, דאס הייסט רבקה'לעס טאכטער מענדיל פון ראדאמישל האט חתונה געהאט פאר עטעלים זוהן גענענדיל פון מאנעסטרישטש, מיין איך פערקעהרט, רבקה'לעס זוהן גענענדיל פון מאנעסטרישטש האט גענומען עטעלים טאכטער מענדיל פון ראדאמישל פאר א ווייב....

— טפו זאלסט דו ווערען פאר אלע יודען! — רופט זיך אן דאס ווייב צום מאן, חאפט זיך אויף, טהוט א פלעסקע מיט די הענד — איהר האט אמאל געהערט אז א זוהן זאל הייסען גנענדיל און א טאכטער מענדיל, או גנענדיל זאל נעמען מענדלי'ן פאר א ווייב?

— אז דו פערדולסט מיר דעם קאפ! — זאגט צו איהר דער מאן און וויל דערצעהלען — ווייטער, קומט אן מיין חיה עטיל:

— שוין געגרייט צום טיש, קומט עסען! רוף, ליובעניו, די געסט צום טיש, זיי געהרען אודאי זיין הונגעריג!

— ביים טיש קעהרט זיך אום דער קרוב מיינער צו דער באבע נחמה'לים פעטער פון מעזשביש, וואס האט געהייסען נח, און דער נח האט געהאט, ווי יענער נח וואס פונ'ם חומש, דריי זיהן; נאר יענעם נח'ס דריי זיהן האבען געהייסען שם חם און יפת, און דעם נח'ס דריי זיהן האבען געהייסען שימעלי, חעמעלי, און יאקעל — און ערשט דא ציהט זיך אוועק א לאנגער פאדעם פון קרובים און שדוכים צווישען זיך, גערדרעהט און געקייטעלט, געקניפט און געבונדען — א מעשה אהן איין עק! א שטיקיל גליק וואס דער פעטער זלמן (מאריך־ימים זאל ער זיין!) מישט זיך אריין אין מיטען:

— ווי טהייער איז ביי אייך פלייש אין בויבעריק הא? ביי אונז אין אווריטש איז פלייש ביוקר־גדול! ווייסט דו פאר וואס? איבער דער טאקסע מיר האבען אונזער אייגענס א בעל טאקסע איז ער א גרויסער הולטיי! און אייער בעל טאקסע איז אויך אזא הולטיי, הא? אלע בעלי טאקסעס זענען גרויסע הולטייעם, ממזרים, ימח־שמם! אפשר ניין? הא?...

מיין קרוב מיט'ן סאמעטענעם קאשקעט הערט אויף צו עסען, האלט דעם נאפיל אין דערלופטען און קוקט אויפ'ן פעטער זלמן ווי א גזלן, למאי ער האט איהם איבערגעשלאגען סאמע אין מיטען; נאר דער פעטער זלמן הערט איהם ווי דעם קאטער; ער טהוט זיך ויינס: ער דערצעהלט מעשיות פונ'ם אווריטשער בעל טאקסע און פון אווריטשער קהל און עסט בשעת־מעשה גאנץ געשמאק. —

---

יח.

[מע בעלייגט די משפחה. — א מבול. — מיר פאהרען קיין אויסלאנד אין די בעדער אריין.]

— וואו בעלייגט מען די „משפחה“ — ? — רופט זיך אן צו מיר נאכ'ן עסען מיין חיה עטיל פערזארגט — זיי זענען טאקי זעהר אנגעלייגטע געסט, נאר פון דעסטוועגען אין דרויסען קאן מען זיי ניט לייגען.

די רעגירונג האָט זיך איצט געווענדעט צו איהרע געזאַנדטע ביי די אייראָפּעאישע מלוכות, זיי זאָלען ווידער אַריינטרעטען אין פערהאַנדלונגען וועגען דער דאָזיגער פראַגע מיט אייראָפּאַ.

די אינזעל קריט קומט מיט נייע פאָדערונגען צו אייראָפּאַ: זי וויל קריגען דאָס רעכט זיך אָנצונעהמען פאַר איהרע אונטערטהאַנען, וואָס וואָהנען אין טערקיי, און וויל קריגען איין אייגענע פאָהן. דאָס זענען אפשר דערווייל קלייניגקייטען, אבער זיי זענען דאָך וויכטיג ווי הכנות זיך אָבצורייסען פון דער טערקישער הערשאַפט. דער גריכישער פרינץ געאָרג, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון קריט, פאָהרט איצט צו די אייראָפּעאישע מלוכות, כדי צו פועל'ן ביי זיי, אַז די פאָדערונגען פון דעם קריט'ישען פאַרלאַמענט זאָלען אָנגענומען ווערען.

מיט דעם לאַנד אין ווייטען מזרח, מיט חינא, שטעהט עס נאָך ערגער ווי מיט טערקיי. אויך חינא האָט פאַר זיך דעם בונד פון גאַנץ אייראָפּאַ, געגען וועלכען זי שטעהט איצט אַ פערבלוטיגטע, אַ צוראַבעוועטע און פעראָרימטע. אויך זי סטאַרעט זיך צו העלפען דורך איהר פאָליטיק, וואָס בעשטעהט נור אין פערלענגערען פון יעדער זאַך, פון יעדער קלייניגקייט. די תנאים וועגען שלום זענען שוין לאַנג אונטערגעשריבען פון אַלע פעראייניגטע מלוכות, נאַר נאָך אַלץ ניט פון חינא, ווייל דאָ ווערט קראַנק דער חינעזישער קייזער, דאָ די קייזערין־מוטער, דאָ דער „חינעזישער ביסמאַרק" לי־חון־טשאַנג. מען ווייס אפילו גאַנץ גוט, אַז דאָס פלוצים'דיגע קראַנק ווערען איז נור אַ פאָליטיקע, אבער דערווייל קען מען דאָך גאָר נישט טהון און דאָס אונטערשרייבען פון קאָנטראַקט ווערט אַלץ אָבגעלעגט.

דער חינעזישער פרינץ טשון פאָהרט לויט דער פאָדערונג פון אייראָפּאַ קיין דייטשלאַנד איבערבעטען דעם דייטשען קייזער פאַר דאָס אונרעכט פון חינא, וואו דער ווילדער המון האָט דערהרג'עט דעם דייטשען געזאַנדטען. דער חינעזישער פרינץ איז שוין געווען אָנגעקומען אין באַזעל און דער דייטשער קייזער האָט זיך שוין געריכט אויף זיין קומען, ווי מיט אמאָל איז דער פרינץ אין באַזעל קראַנק געוואָרען אויף אַ „דיפלאָמאַטישע קראַנקהייט" און וויל פון באַזעל ניט אַוועקפאָהרען. די סבה פון זיין „קראַנקהייט" איז אונבעקאַנט. מען זאָגט, אַז דער דייטשער קייזער פערלאַנגט איצט פון איהם, אַז ביים קומען זאָל ער זיך דריי מאָל בוקען צו דער ערד פאַר איהם; אַנדערע זאָגען, אַז דייטשלאַנד פערלאַנגט פון איהם קאָנצעסיעס, אויף וועלכע ער וויל ניט בעשטעהן. דער טעלעגראַפען־דראָהט צווישען באַזעל, בערלין און פעקין אַרבייט אָהן אַנ'אויפהער, און די ספּעציאַליסטען פאַר דיפּלאָמאַטישע קראַנקהייטען גראַף ביורלאָוו אין דייטשלאַנד און לי־חון־טשאַנג אין חינא זוכען אַ רפואה פאַר דעם קראַנקען פרינץ. לאָמיר איהם ווינשען צום נייען יאָהר אַ רפואה שלמה.

י. ל.

---

# בריעף פון לאנדאָן

(ענדע).

עס פערשטעהט זיך, דאָס די רוסישע יודען האָבען געהאַט דאַן גענוג אורזאַכען אונצופרידען צו זיין, און האָבען אויך דאָס רעכט געהאַט זיך אָבצוטהיילען פון דער ענגלישער קהלה און צו גרינדען איין

---

— פרעגט מיך עפּיס גרינגערס! — זאָג איך — דעם פּעטער זלמן רעכען איך אויסבעטען אַט דאָ אויף דער וועראַנדע; יענטיל וועט שלאָפען מיט די קינדער; און דאָס פאַרפאַלק וואָס ס'איז „געקניפּט און געבונדען" מעג לינען ביי דער הייסער וואַנד; לאָזען זיי חאַטש הנאה האָבען פון דער דאַטשע... ווי געפעהלט דיר, חיה עטיל, דאָס ווינטעלי וואָס האָט אַ בלאָז געטהון? עס חמאַרעט זיך, מיר דאַכט עס וועט געהן אַ רעגען.

— אָמן הלואי! זאָגט חיה עטיל — די זון האָט אַזוי אָנגעבראָטען דורכ'ן טאָג, אַז עס וואָלט שוין געמעגט כ'לעבען אונטערפרישען אַביסיל אויף דער שענער דאַטשע! נאַ דיר אַ דאַטשע! נאַ דיר „לופט"! גאָט זאָל העלפען, עס זאָל אַ גאָס טהון אַ רעגען און פערטרייגקען די דאַטשעס מיט די דאַטשניקעס מיט גאַנץ בויבעריק, רבונו של עולם!

עס געדויערט נישט לאַנג און דער הימעל ציהט זיך איבער מיט געדעכטע וואָלקענס. עס ווערט מיט אַמאָל פינסטער חשך, גלייך ווי עמיצער האָט פערלאָשען די זון. די פייגעליך האָבען זיך בעהאַלטען אין די נעסטען. די לופט ווערט אַלע מינוט געדעכטער און שווערער. מיט אַמאָל שניידט דורך אַ בליץ און פערבלענדט די אויגען, און באַלד טהוט אַ זעץ אַ דונער וואָס קנאַלט, הילכט און קאַטשעט זיך פון איין עק וואַלד ביז'ן אַנדערען.

— איך האָב מורא עס וועט געהן אַ רעגען! — רופט זיך אָן דער פעטער־זלמן און קוקט אין הימעל אַריין. — און גלייך ווי ער האָט געטראָפען; ער האָט נור אויסגערעדט האָט אָנגעהויבען צו גיסען אַ שלאַקסרעגען, אַלע מאָל געשמאַקער, געדעכטער, און שטאַרקער, און אַלע מאָל טהוט אַ בלישטש אַ נייער בליץ, וואָס בעלייכט דאָס געדעכטע בלויע פינסטערניש, און אַ זעץ אַ דונער מיט אַ פאָהר איבערן גאַנצען וואַלד „טררררררררר!"

— מיר דאַכט, אַז דער רעגען האָט זיך פערקאַטשעט נישט אויף

אַ ווײַלע! — זאָגט דער פעטער־זלמן — ער וועט אם ירצה השם געהן און געהן און געהן.

— איהר זאָלט דערלעבען אַנזאָגען בעסערע בשורות! — מאַכט חיה עטיל דערשראָקען און חאַפּט אַ קוק אַלע מאָל אין שטוב אַריין.

— וואָס קוקסט דו זיך אַרום אַלע מינוט? — רוף איך מיך אָן צו איהר.

— איך קוק — זאָגט זי — צי סע קאַפּעט ניט פון דער סטעלי. יאָ, סע קאַפּעט גלייך אין בעט אַריין! מע דאַרף אונטערשטעלען אַ שיסעל.

— ביי אונז אין אָוריטש, — זאָגט דער פעטער־זלמן — איז אויך געווען אַזאַ מבול, שוין דרינען אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, און אפשר, הא? אַלע דרייסיג! עס האָט פערטרונקען דעמאָלט די גאַנצע שטאָדט האָט דאָס פערטרונקען! מע האָט זיך געשיפט אויף שיפליך האָט מען זיך געשיפט! ס'איז געווען חשך איז געווען!

— וואו זענט איהר ערגיץ? — הער איך אַ קול פון שטוב — קומט אַהער! העלפט טראָגען! ראַטעוועט!...

איך טהו זיך אַ וואָרף אין שטוב אַריין — אַ צרה! איין אומגליק! דער רעגען שמייסט דורך די פענסטער, און סע גיסט פון דער סטעלי און מיין חיה עטיל פערקאַטשעט דאָס קליידיל אין וואַסער, אין איין האַנד האַלט זי אַ קאָפּען־קישעלי, און דער אַנדערער — אַ פאַן וואָס מע פרעגעלט איינגעמאַכטס און שרייט אין איין קול.

— גוואַלד! העלפט טראָגען! ראַטעוועט! ראַטעוועט!!

— וואָס טהוסט דו? — זאָג איך צו איהר — וואָס שלעפּסט דו פון שטוב? לאָמיר אַנטלויפען, זיך אַרויסראַטעווען מיט די נפשות; וואו זענען ערגיץ די קלענערע קינדער?

— פּאַפּאַשאַ! אידי קאַ סיודאַ! *) — שרייען צו מיר די קליינע

*) פאַטער! קום נאַר אַהער!

איינענע פֿאר זיך — אַ זאַך, וואָס דאס וועט פֿריהער אָדער שפּעטער קומען, און וואָלטען די דאַמאָלסדיגע מחזיקי־הדת געווען בעסערע פּאָליטיקער, וואָלטען זיי זייער זאַך אויסגעפֿיהרט; זיי האָבען אָבער ניט פֿערשטאַנען זיך אויסצוניצען מיט דער געלעגענהייט, וואָס זיי האָבען געהאַט, און האָבען ניט פֿערשטאַנען אַרויסצורופֿען אַ גרעסערע התלהבות. דאָס פּראָגראַם, וואָס זיי האָבען געמאַכט איז געווען זעהר ענג און בערגרענצט. זיי האָבען אויף זייער פֿאָהן אויפֿגעשריבען „כשרה פֿלייש“, „כשרה פּוטער“ און „כשרה מקואות“. דאָס איז אָבער ביז איצט אויך געווען כשר, און די יודען וואָס זענען פֿון דער קהלה אונצופֿרידען געווען, זענען געבליבען שטעהן פֿון ווייטען און זיך צו דער בעוועגונג ניט אָנגעשלאָסען. וואָלטען זיי אַרוים צו די רוסישע יודען מיט דער אויפֿפֿאָדערונג איין ענדע צו מאַכען מיט דעם סקאַנדאַל פֿון די בילינע חתונות, וואָלטען זיי צוגעזאָגט איין אָרענטליכען בית־דין אָדער גאַנץ איינפֿאַך אַ רוסיש־יודישע קהלה, וואָס זאָל זיך זאָרגען מיט אַלעם, וואָס די רוסישע יודען האבען דאָ נייטהיג, וואָלטען זיי געהאַט די מאַסע רוסישע יודען הינטער זיך. אַזוי אָבער איז דאס ניט מעהר געבליבען ווי אַ חברה, וואָס איז ניט אימשטאַנד געווען צו בעקעמפֿפֿען די אַלטע קהלה, וואָס האט נעלד, איינפֿלוס און מאַכט. איהר סוף וואָלט פֿריהער געקומען, ווען ניט דער רב רבי אבא, וואָס האָט זי ביי'ן לעבען ערהאַלטען.

דער רב איז אַ מערקווירדיגער מאַן. ער איז אַהער געקומען אַלס רב פֿון די מחזיקי־הדת, ער איז אָבער גיך געוואָרען דער רב פֿון גאַנץ איסטענד. ער האט אַ מאַסע יודען צוגעצויגען צו זיך ניט גראַדע פֿון די פֿרומע, נאָר אויך פֿון די פֿריי געזינטע. מען האט צו פֿערדאַנקען זיין איינפֿלוס, וואָס די מחזיקי־הדת האָט אויפֿגעבויט אַ גרויסע שוהל און זעהר אַ פֿיינע תלמוד-תורה. וואָלט דער רב געהאַט נאך איינינע מענשען צו זיך, וואָלט זיך מן הסתם מעהר איסטענדער שוהלען אָנגעבונדען אָן די מחזיקי־הדת און וואָלטען געלעגט דעם גרונדשטיין פֿאַר איין אונאַבהענגינע קהלה. איין שוואלב, זאָגט מען, אָבער קאָן דעם זומער ניט ברייננען. די איבריגע אָנפֿיהרער האָבען גראַדע גאַנץ וועניג איינפֿלוס, אַסך פֿון זיי האָבען דורכאויס ניט קיינע גוטע נעמען. דער סוף איז געווען, דאָס דער רב ענטזאַגט זיך פֿון זיין שטעל און פֿליהט אַוועק קיין ארץ־ישראל, און די שוהל פֿון די מחזיקי־הדת שיקט בעטען פֿון דער פֿעדערײשאָן אָז סינאַגאָגס מען זאל זי צונעהמען צו איהר. און אַזוי פֿערלירט זי איהר אונאַבהענגיגקייט, איהר רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער, און ווערט אין דער געמיינדע פֿערשלונגען, און אַזוי ענדיגט זיך אַ צעהניעהריגע מלחמה מיט גאָר נישט. די ערשטע פּראָבע פֿון די רוסישע יודען זיך צו בעפֿרייען פֿון אַ געוויסער אַפּטרופּסות האָט זיך ניט איינגעגעבען, אָדער דערפֿאַר, ווייל די צייט איז נאך ניט געווען רייף דערצו, אָדער די מענשען, וואָס האבען דאָס אונטערנומען, זענען דערצו ניט געווען פֿעהיג.

---

אַ דעפּוטאַציע, וואס איז בעשטאַנען פֿון איינינע מיטגלידער פֿון פּאַרלאַמענט איז געגאַנגען צו לארד סאַליסבורי איהם אויפֿווייזען אויף די געפֿאַהר, וואָס קען אַרויסקומען פֿאַר ענגלאַנד פֿון דער גרויסער עמיגראַציאָן פֿון רוסישע יודען, און געבעטען איהם, ער זאָל אין פּאַרלאַמענט דורכפֿיהרען דאָס צוגעזאָגטע געזעץ איבער די אימיגראַציאָן, זי אויפֿצוהאַלטען אָדער ווענינסטענס זי צו בעגרענצען.

דער ערשטער מיניסטער האָט די דעפּוטאַציע גאַנץ וועניג האָפֿנונג נעגעבען. ער האט געזאָגט, דאס די סכנה איז ניט אַזא גרוים ווי זי איז געווען, און עס איז זעהר שווער אַזא געזעץ דורכצופֿיהרען. די רעגירונג האָט זיך צו פֿערנעהמען מיט וויכטיגערע זאַכען און קאָן זיך דערמיט ניט אָבגעבען.

צווישען די, וואס זענען נעגאַנגען די יודען פֿערמס־ין, איז געווען הערר הערי סעמיאָל. אַ יוד, איין אָבשטאַמער פֿון מאַנטעפֿיאָרי'ס פֿאַמיליע און וויצעפּרעזידענט פֿון די „אנגלא־דזואיש אסאסיישאַן“.

---

חבֿרה'לייט פֿונ'ם אַנדערען חדר, שטעהען מלא שמחה כּמעט ביז די קנעכליך אין וואַסער און טאַנצען און פּאָליאָסקען זיך, מאַכען בולבעליך און זינגען:

דאָושדיק, דאָושדיק, פּערעסטאַן!

מי פּאָיעדים נאַ יאָרדאַן... **)

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! ראַטעוועט! מיר זענען פֿערביי שרייט מיין חיה' עטיל און צעלאָזט די הענד און בלייבט שטעהען אין וואַסער ווי פֿערגליווערט.

— די קינדער, די קינדער, ראַטעוועט אַרוים! — שרייט יענטיל אויף אַ קוויטש און שטעהט אויף איין אָרט.

— פֿאַר וואָס ראַטעוועט מען ניט די קינדער? — שרייט דאָס פּאָרפּאָלק און ריהרט זיך ניט פֿונ'ם ארט.

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאָגען? — שרייט דער פֿעטער זלמ'ן — עס וואָלט גלייכער געווען איהר זאָלט די קלענערע קינדער ערגיץ אַריבע'ר־טראָגען, ווארום עס וועט, שיינט מיר, זיין אַ מבול.....

* * *

איך אייל' מיך און פֿערשלוס מיין בעשרייבונג פֿון דער דאַטשע. מחמת מיר האַלטען' איך און מיין חיה עטיל הייסט דאָס, ביי אַוועקפֿאָהרען קיין אויסלאַנד אי' די „בעדער“ אַריין. די דאָקטוירים געפֿינען אַז מיר בעדאַרפֿען ביידע טרונקען אַזעלכע מינים וואַסערען און באָדען זיך אין די בעדער; און אַנב ווילט זיך אונז טאַקי אַביסיל אנקוקען אַ וועלט; מהכּתיתי, אַז גאָט העלפֿט מע קאָן, פֿאַר וואָס ניט?... די קינדער לאָזען מיר איבער אין בויבעריק אויף דער דאַטשע, חלילה נישט אַליין; יענטיל דעם פֿעטער־זלמן'ס האָבען מיר געמאַכט פֿאַר בעל־הבית'טע אין שטוב, און צו ליעב איהר איז שוין פֿערבליבען דער פֿעטער־זלמן אויך. דאָס פּאַרפּאָלק, וואָס איז „געקניפּט און געבונדען“ האָט אפֿילו אויך שטאַרק חשק געהאַט איבערצובלייבען ביי אונז איבערן זומער, האָט זיי מיין ווייב געגעבען אָנצוהערעניש, אַז עס וועט אין בויבעריק אָהן זיי אם ירצה השם אויך זיין פֿריילִיך און זיי האָבען גענומען דעם וועג. וואוהין מיר פֿאָהרען — ווייס איך נאָך אַליין ניט; מסתמא וועט אונז שוין דער דאָקטאָר אָבשיקען אַהין וואו מע בעדאַרף. און מחמת מיר האַלטען ביי אָבפֿאָהרען אין אַזאַ לאַנד, וואו מע רעדט דייטש, בעדאַרף מען זיך אָנהויבען געוואוינען מיט זייער שפּראַך און געזעגענען זיך מיט אייך אויף דייטש און זאָגען: „אַדיעיי! צום וויעדערזעהעניש“!...

(ענדע)

**) רעגען, רעגען, הער שוין אויף, מיר פֿאהרען אויפֿ'ן ירדן!



אין מאַנטשעסטער איז געקויפט געוואָרען אַ שטיק פּלאַץ צו בויען אויף דעם אַ יודישען שפּיטאָל. די אונטערנעהמער האָבען גע־האַט פיעל שטערונג אין זייער אַרבייט פון די יודען אליין. די ענגלישע קהלה האָט געזאָגט, דאָס מיט'ן בויען אַ יודישען שפּיטאל וועט מען וויזען דאָס מען איז קיין ענגלענדער, נאָר יודען. די אַלע מתעסקים אין דער זאַך זענען אויסלענדישע־יודען. אַ יודישער שפּיטאָל איז אַ זאַך פון דער גרעסטער נאָטווענדיגקייט אויך אין לאָנדאָן. די קהלה וויל אָבער דערפון ניט הערען און ניט וויסען.

י. ל. דאַלידאַנסקי.

---

# צווישען אונז גערעדט.

## וואו זאָלען מיר דאַווענען?

די פראַגע הערט מען יעדעס יאָהר אין ווארשא, ווען עס רוקען זיך אָן די יָמים נוֹרָאים.

— וואו זאָלען מיר דאַווענען? האָט מיך אויך געפרעגט היינטיגס יאָהר מיינער אַ בעקאַנטער.

— וואָס הייסט, וואו? דאַווענט, וואו איהר דאַווענט אַ גאַנץ יאָהר.

— ממ... אַ גאַנץ יאָהר, וואו עס מאַכט זיך... וואו מען חאַפּט זיך אַריין און אָפט גאָר צו הויז. אָבער ימים נוראים — ראש השנה און יום כפור ווילט זיך דאַווענען ווי עס דאַרף צו זיין און עס ווילט זיך חאָטש איין מאָל אין יאָהר פיהרען מיינע קינדער אין אַ שול — אין נאָטס הויז.

— איך פערשטעה אייך ניט, קאַרג שילען און שטיבליך האָט איהר אין ווארשא, אין קיין שטאָדט איז ניט דאָ אַזוי פיעל ערטער וואו צו דאַווענען ווי אין ווארשא, אין יעדען הויז איז דאָ אַ שול און אָפט עטליכע שילען אין איין הויז.

— אָט דאָס איז טאַקע דאָס אומגליק, דערפאַר וואָס איז דאָ אַזוי פיעל, איז ניט דאָ וואו צו דאַווענען. איך וועל ליעבער צו הויז זיצען, איידער געהן אין אַזוינע שילען דאַווענען, בפרט נאָך פיהרען אַהין מיינע קינדער... אָט וועל איך אייך דערצעהלען און זאָגט אַליין.

און מיין בעקאַנטער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען.

— היינטיגס יאָהר האָב איך זיך איבערגעצויגען אין אַנדער גע־גענד אויף אַ נייע גאַס צווישען אומבעקאַנטע מענשען. אויף דעם צוויי־טען טאָג פון מיין איבערציהען זיך בעגעגענט מיך אין טויער אַ אומבע־קאַנטער יוד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ גרויסען באָרד און מיט אַ קאַרטען היטיל.

—איהר האָט, דאַכט זיך, איבערגעצויגען, אין דעם הויז אין נומער 12, זאָל זיין אין אַ גוטער שָׁעה... איך האָב צו אייך אַ בַּקשה, אַז איהר וועט בעדאַרפען ביער, בראָנפען, זאָלט איהר נעהמען ביי מיר: איך האָב אין דעם הויז אַ שענק, אויך טהעע, צוקער, שוועבעליך, זייף צום וועש, טאַבאַק, נאַפט, ליכט און אַלעס, וואָס אייער פרוי וועט דאַרפען, קען זי קויפען ביי מיר אין קראָם. איך האָב טאַקע אין דעם הויז אַ קראָם. איהר קענט נעהמען ביי מיר אויף קרעדיט — אויף אַ ביכיל, איך וועל ביי אייך לייזען ביליג, איהר וועט זיין צופריעדען, אַלע שכנים פון דעם הויז קויפען ביי מיר און זענען צופריעדען; איהר קענט זיי פרעגען, איך בעהאַנדעל יעדען אָרענטליך, אויך האָב איך אין דעם הויז אַ שול, בעט איך אייך דאַווענען ביי מיר, איך בין טאַקע אַליין דער גַבַּאי, איהר וועט זיין צופרידען... איהר קענט פרעגען אַלע שכנים... איך האַלט אַלע סאָרטען ביער „ליוואָניע“ „רייכס“ און „סטריצקי“ פערנעסט זשע ניט היינטי־גען שבת קומען דאַווענען, אין דער וואָכען איז ביי מיר אויך אָפען די שול. זונטאָג, ווען עס זענען ביז 12 פערמאַכט די קראָמען, קענט איהר ביי מיר אַלעס קריגען דורך די צווייטע טהיר...

— איך בין אַוועקגעגאַנגען, ניט קענענדיג הערען, וואָס ער האָט ווייטער גערעדט, און יעדעס מאָל, ווען דער יוד געהט פאַרביי פאַר די פענסטער פון מיין וואָהנונג, חאַפּ איך זיך צוריק, ווייל איך קען אויף איהם ניט קוקען.

נאָך מעהר קען איך דעם יודען ניט אַריבערטראָגען שבת, יום טוב, ווען ער געהט פון שול מיט אַ סאַמעטען היטיל, אין איין אַטליסענער קאַפּאָטע און מיט אַ זיידענעם גאַרטעל. ער געהט פאַר מיינע פענסטער מיט דעם עוֹלָם פון דאַווענען. אין דערוואָכען טרינקען זיי ביי איהם אין שענק און ער איז זייער שענקער, און שבת, יום טוב דאַווענען זיי ביי איהם אין שול און ער איז זייער גבאי. אין אַזאַ שול, ווילט איהר זאָל איך געהן דאַווענען און זאָל מיינע קינדער אַהין פיהרען? — האָט מיין בעקאַנטער געענדיגט.

איך האָב ניט געוואוסט איהם וואָס צו זאָגען. דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן אַמאָליגע יאָהרען, ווען אין קעניגרייך פוילען פלעגען יודישע שענקערס אין די דערפער האַלטען אין ערענדע אויסער די שענקען אויך קלויסטערס. די שענדליכע ערענדע פון קלויסטערס האָט שוין לאַנג אויפגעהערט און איצט האַלט מען אין ערענדע יודישע שולען.

אָט די אַלע „שילען“ און „שטיבליך“ אין ווארשא, אויסער אַ צוויי געצעהלטע, זענען געגרינדעט אויף מסחר און די גבאים האַלטען די שילען אַלס געשעפט. דער האָט אַ קראָם, דער אַ שענק, דער אַ שול און דער האַנדעלט מיט אַלע דריי געשעפטען צוזאַמען.

די איינציגע שול אין ווארשא, די כאָר־שול קען נור בעפרידיגען אַ פאָר הונדערט מענשען און די איבריגע צעהנער טויזענטער יודען זענען געצוואונגען צו דאַווענען אין די פיעל „געשעפטס־שילען“, וועלכע געפינען זיך אין יעדען הויז.

וואָס פאַר אַ שלעכטע ווירקונג עס קענען האָבען אַזוינע „געשעפטס־שילען“ אויף קינדער, אויף זייער רעליגעזע ערציהונג, קען מען זיך פאָרשטעלען, נאָר האַלטען קינדער צו הויז און קיינמאָל זיי ניט וויזען קיין שול איז נאָך ערגער.

אין אַנדערע שטעדט ווייס יעדעס קינד, וואו די שול איז, וואו די בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זענען, ער ווייסט, אַז פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען אָן דאַווענט מען דאָ און דאָ, און מיט אַ בעזונדער דֶרֶךְ אֶרֶץ איז דאָס יו־דישע קינד געוואָהנט צו קוקען אויף די שול ווי אויף גאָטס הויז. און דאָ אין ווארשא אויף דעם אָרט, וואו עס איז איצטער אַ שיל, איז פריי־הער געוועזען אַ שענק, איבער אַ יאָהר אַ עקספּעדיציאָנס־קאָנטאָר אָדער אַ קאָוויאַרניע און איבער צוויי יאָהר ווידער אַ שול.

מיר ווייסען יעדער, אַז גאָט איז אומעטום און מען קען דאַווענען וואו מען וויל, נאָר פאָרט זענען דאָ צייטען אין יאָהר, וואָס מען וויל פיהלען מיט אַלע אֵבָרים, אַז מען געפינט זיך אין גאָטס הויז, ניט אין

קיין געשעפטס-שול, וואס איינער א גבאי האלט עס אין ארענדע און ציהט זיין פרנסה דערפון.

געפעהרליך זענען אזוינע שילען פאר גרויסע מענשען, נאר נאך געפעהרליכער זענען אזוינע געשעפטס שילען פאר קינדער.

„א קינד ווייס קיין חכמות, א קינד רופט אן יעדע זאך מיט דעם ריכטיגען נאמען, א קינד קוקט זיך צו צו יעדער זאך מעהר ווי מיר גרויסע. אויף א קינד מאכט אלעס איין איינדרוק, און מיט וואס פאר א דרך ארץ קענען קוקען די קינדער אויף אזוינע שילען, אויף נאטס הויז?...

אין אדעס, וואו עס צעהלט זיך 150 טויזענט יודען, געפינען זיך מעהר ווי צעהן גרויסע שילען, אין בערדיטשעוו אויף 50 טויזענט יודען געפינען זיך 5 גרויסע שילען און אין ווארשא, וואו עס צעהלט זיך מעהר ווי 200 טויזענד יודען, געפינט זיך נור איין גרויסע שול.

און יעדעס יאהר צו ימים נוראים הערט מען אין ווארשא אומעטום רעדען: — וואו זאל מען דאוונען? א גאנץ יאהר ווי אזוי עס איז, אבער ימים נוראים וואס טהוט מען און וואוהין זאלען מיר פיהרען די קינדער דאיונען?

טרויריג איז, אז מען רעדט וועגען דעם, ווען עס קומען די ימים נוראים, דאן שלאגט מען אויף פלענער ווי צו בויען האטש נאך א צוויי גרויסע שילען, אבער באלד גאך די ימים נוראים פערגעסט מען אן דעם און מען בלייבט נור ביים רעדען, און די געשעפטס-שילען פערמעהרען זיך אין ווארשא פון טאג צו טאג, ווי די קראמען און געוועלבליך.

עס איז צייט, מען זאל ניט נור רעדען, נאר אויך עפעס טהון וועגען דער פראגע.

די זאך אויסצופיהרען איז ניט אזוי שווער ווי מען קען מיינען, עס ברויכען נור עטליכע מענשען ערנסט זיך נעהמען דערצו. קיין געלד, ווי די סומע זאל ניט זיין גרויס, וועט ניט פעהלען, ווארום וועלכער יוד, וועלכע יודענע, אפילו די ארימסטע, וועלען זיך דען אבזאגען צו געבען געלד אויף א שול — אויף גאטס הויז?

אין קיין יודישער שטאדט, ווי קליין זי זאל ניט זיין, האט ב"ה ניט געפעהלט ביי יודען געלד אויף א שול, און מיר האפען, אז עס וועט אויך ניט פעהלען קיין געלד אין אזא רייכער און גרויסער שטאדט ווי ווארשא.

מ. חיות.

---

## ציימונגען פון דער וואך.

(יודישע הויזבעזיצער). אין אונזער צייטונג איז שוין ניט איין מאל געבראכט געווארען, וויפיעל יודישע קאפיטאלען האבען דאס רוב פון ווארשאווער יודישע הויזבעזיטצער אריינגעגראבען אין דער ערד אזוי, אז זיי זענען געבליבען אהן א קאפיקע און דערצו נאך געווארען גרויסע בעלי-חובות. פיעל פון זיי האבען געמוזט עוקר זיין, און די וועלכע האלטען זיך ביי די הייזער זענען געבליבען „סטרוזשעס" ניט קיין בעלי בתים. דאס האבען אפילו מודה געוועזן אלע ווארשאווער אנטיסעמיטישע צייטונגען און „ווארשאווסקי דנעוונִיק" אויך צווישען זיי. פון דעסטוועגען ביי אזא ביטערער לאגע פון די יודישע הויזבעזיצער, ברענגט „וואר. דנעווניק" א סטאטיסטיקע פון יודישע הייזער אין ווארשא און שרייט געוואלד, אז יודען האבען אבגענומען ווארשא. אין די 6077 הייזער, וואס געפינען זיך אין ווארשא (אויסער שטעדטישע און די וועלכע געהערען צו דער רעגי-רונג), צעהלט זיך 1937 יודישע.

און אזוי, זאגט „וואר. דנ." איז די צאהל פון יודישע הויזבעזיצער בערך 32 פראצענט און פון קריסטליכע 47 (די שטעדטישע זענען נישט גערעכענט). די צאהל וועט אבער זיין א סך גרעסער, ווען מען זאל נאך רעכענען, וויפיעל עס געפינען זיך הויזבעזיצער צווישען די געטויפטע יודען, וואס נור אין די פאספארטען רופען זיי זיך אן קריסטען און באמת זענען זיי דיזעלבע פריהעריגע יודען און זענען שטענדיג פאר יודישע אינטערעסען. דערצו וויפיעל געפינען זיך נאך יודען, וואס חאטש זיי רעכענען זיך ניט פאר קיין הויזבעזיצער, נאר וועלכע לייהען געלד אויף קריסטליכע הייזער (היפאטעקען) און וועלכע זענען די אמת'ע הויזבעזיצער, ווייל ווען זיי ווילען קענען זיי פאר זייערע חובות פערקויפען די קריסטליכע הייזער און אליין ווערען די בעלי בתים.

דערום גיט „ווארש. דנעוונ." איין עצה, אז מען זאל אננעהמען דעם פראיעקט פון דער צייטונג „ניווא פאלסקא", אז די „קרעדיט-באנק" וואס לייהט געלד אויף הייזער, זאל יודישע הויזבעזיצער לייהען ווינצי-גער, מען זאל פאר זיי איינפיהרען „פראצענטען", ד. ה. די באנק זאל געבען אויף יודישע הייזער נור א געוויסען פראצענט.

א שענער יושר, כלעבען!

(וואס איז בעסער?) וועגען דעם נייעם געזעץ פון אויסקלויבען ראבינער, וואס מיר האבען געבראכט אין פאריגען נומער, פרעגט די צייטונג „בודושטשנאסט":

וועלכע ארדנונג (פון אויסקלויבען ראבינער) איז בעסער פאר אונז? די פראגע רעכענען מיר אין גאנצען פאר איבריג ביי אונזער קליינער אמונה איי דער וויכטיגקייט פון היינטיגע ראבינער בכלל. איין היינטיגער ראבינער איז בכלל ניט קיין רב, וואס זאל זיין א פיהרער פון דער געמיינדע, ער איז נור א מעטרי-קע-שרייבער, א קאנצעליאר-ארבייטעד, און ווען ביי אונז זאל זיין א גוטער מנהג אנרופען זאכען מיט דעם ריכטיגען נאמען, וואלט פאר יעדען קלאר געווען, אז עס איז גיט דא איבער וואס דא צו רעש'ן, וואס פאר א חלוק איז דא, ווי אזוי מען וועט פיהרען די ביכער פון די מעטריקעס? אנדערש וועט אבער זיין, ווען עס וועט זיין ביי אונז א ראבינער-אינסטיטוט, וואו מען זאל ערציהען און לערנען אזוינע, וואס זאלען דערנאך זיין א כבוד פאר יעדע יודישע געמיינדע, און ביי אזוינע ראבינער ווי מיר שטעלען זיך פאר, וועט אויך זיין איבריג צו קלויבען א ראבינער נור אויף דריי יאהר. איז עס ניט לעכערליך, ווען דער פיהרער פון דער געמיינדע הענגט שטענדיג אב פון עטליכע מענשען, וועלכע קענען איהם אויף די נאהענטסטע וויבארעס ארויסווארפען און איהם איבערלאזען אהן איין אייגען ווינקעל, אהן א שטיקעל ברויט. וואס קען דא טהון א רב עפים לטובת הכלל ביי אזוינע טרויריגע בעדינגונגען. אין אויסלאנר ווייסען ניט די געמיינדען פון דריי יאהרענדיגע וויבארעס, דארט קלויבט מען אוים א רב איין מאל אויף שטענדיג, און נור דאן ווען מען קען דעם רב ניט ארויסווארפען אלע דריי יאהר, נור דאן קען א רב זיין איין אמת'ער פיהרער פאר זיין געמיינדע, זאגען דעם עולם איין אמת ווארט און טהון גוטס פאר דעם כלל.

די צייטונג „וואסהאד" אין איהר ארטיקעל, אויך וועגען דעמזעל-בען געזעץ, איז דער מיינונג, אז אפילו איין היינטיגער ראבינער קען אויך פיעל גוטס טהון פאר די געמיינדע און זיין א'הרער איין אמת'ר פיהרער, עס איז נור געווענדט, ווען מען קלויבט אוים פאר ראבינער.

דארט, וואו עס געפינט זיך א ראבינער, וואס איז איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען זיין פאלק, בעקומען די קהל'שע זאכען גאר איין אנדער פנים.

אין דעם, אז דאס נייע געזעץ וועט פערקלענערען די סקאנדאלען, וואס קומען פאר ביי די וויבארעס, פערגלייכען זיך די מיינונגען פון אלע יודישע צייטונגען.

(יודיש געלד), ניט קוקענדיג, וואָס דער סענאַט האָט שוין ניט איינמאָל ערקלערט, אז דאָס געלד פון דער קאָראָבקע קען נור געהן אויף יודישע אנשטאַלטען, פון דעסטוועגען הערט מען ניט אויף אַרויסצונעהמען געלד פון דער טאַקסע אויף אַזוינע זאַכען, וואָס קעהרען זיך גאָר ניט מיט יודען. ווי מען שרייבט די קיעווער צייטונגען פון ל ו ט ש י נ ע ץ (פאָד. גוב.), האָט מען פון דער טאַקסע אַרויסגענומען 3500 רובל אויף צו ברוקירען די שטאָדט. שוין זשע ווייסען ניט די יודישע לוטשינער בעלי בתים פון דער סענאַטס ערקלערונג, וועלכע די יודישע צייטונגען האָבען ניט איינמאָל געבראַכט, אַז אָהן דעם וויסען פון דער יודישע קהילה קען מען ניט אַרויסנעהמען קיין טאַקסע געלד? שוין זשע איז לוטשעניץ אַזוי רייך מיט יודישע אַנשטאַלטען, אַז מען האָט פון דער קאָראָבקע אויף קיין אַנדער זאַך נישט געקענט נעהמען קיין געלד, ווי נור אויף ברוקירען די גאַסען?

(יודישע לעזער) אין זשורנאַל „אָבראַזאָוואַניע“ איז געדרוקט אַ אינטערעסאַנטער אַרטיקעל אונטער דעם נאָמען „יודישע לעזער אין דער רוסישער ליטעראַטור“. פון דעם אַרטיקעל זעהען מיר, אַז יודען און יודישע טעכטער האָבען זעהר ליעב צו לעזען. אין די ביבליאָטהעקען, וועלכע געפינען זיך אין די שטעדט, וואו יודען מעגען וואָהנען, זענען דאָס מעהר אַבאָנענטען יודען. האָטש דער יודישער עולם איז זעהר אָרים, נאָר פון דעסטוועגען צאָהלען זיי פאַר דאָס לעזען פון דעם לעצטען. אין דעם אַרטיקעל געפינען מיר אַזאַ סצענע אין אַ לעזע-ביבליאָטהעק:

עס קומט אַריין אַ יונג פרייליין און בעט מען זאָל איהר געבען אַ בוך צום לעזען.

— טראָגט אַריין זאַלאָג.

— איך האָב ניט.

— גיט כאָטש אַ האַלב רובל.

— דאָס האָב איך אויך ניט, נעמט אָט דאָס.

אונפערשעמט נעמט זי אַרויס פון קעשענע דריי מעטאַלענע טהיי לעפעליך.

— מיט וואָס זשע וועט איהר טהיי טרינקען? ווערטעלט זיך דער ביבליאָטהעקער.

— זיי זענען פסחדיגע, וועלכע מען ברויכט ניט אַ גאַנץ יאָהר — ענטפערט שעמענדיג דאָס פרייליין און ווערט רויט פון בזיון.

— איך טאָר ניט נעהמען קיין זאַכען פאַר זאַלאַג, ענטפערט דער ביבליאָטהעקער.

— גיט זשע מיר אָהן זאַלאַג, ביי מיר וועט ניט פערפאַלען ווערען דאָס בוך.

דאָס פרייליין געהט אַוועק מיט גאָר ניט. מען האָט בעדאַרפט זעהן איהר טרויער, אַז מען זאָל רחמנות האָבען אויף איהר. ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען איז זי אַ טאָכטער פון איין אָרימער אַלמנה, וואָס אַרבייט זאָקען און פערדיענט דריי רובל אַ חודש. זי האָט געהאַט אַ בעקאַנטען, וועלכער פלעגט ערוב זיין פאַר איהר אין דער ביבליאָטהעק און דריי יאָהר האָט זי געלעזען. איצטער איז ביי איהר אַ בוך געוואָרען פון די נייטיגסטע זאַכען.

דער שרייבער בעמערקט, אַז יודישע לעזער פערלאַנגען דאָס רוב בעלעטריסטיק, היסטאָרישע ביכער און זשורנאַלען. ספּעציעל ביכער פאַר בעלי מלאכות פערלאַנגען זיי כלל ניט.

אַמאָל לעגט דער ביבליאָטהעקער פאַר אַ יודישען אַרבייטער נעהמען אַ בוך וועגען זיין פאַך, נאָר ער ענטזאָגט זיך, „עס גליסט זיך ניט“, זאָגט ער.

— נור עס איז זעהר אינטערעסאַנט, פערייניגען די טהעאָריע מיט דער פּראַקטיקע, אין אויסלאַנד אינטערעסירען זיך אַלע בעל מלאכות מיט דער טהעאָריע פון זייער מלאכה, — דערצעהלט דער ביבליאָטהעקער.

— אין אויסלאַנד איז עפּיס אַנדערש און ביי אונז איז ווידער עפּיס אַנדערש, — ענטפערט דער בעל מלאכה, — ווען מען אַרבייט נאָך איינאַנדער 12 אָדער 15 שעה אין מעת לעת, ווערט דערנאָך אפילו נמאס זיך צו דערמאָנען אין דער מלאכה.

און פון דעסטוועגען די חברה, וואָס לערנט מלאכות און זאָגט צו גוטע פרנסות דורך בריעף געפינט איהרע שילער נור צווישען יודען. פון ניצליכע ביכער ווילען מען זיך ניט לערנען קיין מלאכות, נאָר שיקען געלד אויף דעם ווינד פאַר נאַרישע בריעף, דאָס גליסט זיך.

---

# די יודישע וועלט.

**עסטרייך.** *** ד ע ר צ י ו נ י ז ם א י ן ק ר א ק א. אין ק ר א ק א האָט זיך מיט עטליכע וואָכען צוריק געגרינדעט אַ קלוב צו פערקויפען אַקציען פון דער קאָלאָניאַלבאַנק אויף אויסצאָהלען אין ראַטען. דער קלוב האָט ביז איצט 50 מיטגליעדער, פון וועלכע יעדער איז מחויב צו קויפען ווענינגסטענס 1 אַקציע, אויף וועלכע ער צאָהלט 1 קראָנע מאָנאַטליך, אַזוי אַז אין 24 ראַטען צאָהלט ער אויס איין אַקציע און דערמיט איז דעם אָרימסטען געגעבען די מעגליכקייט זיך צו קויפען איין אַקציע פון דער יודישער קאָלאָניאַלבאַנק. מיר האָבען ביז איצט וועגען דער גרינדונג פון קלוב נישט געשריעבען, ווייל, קענענדיג די ציוניסטישע פערהעלטניסע אין אונזער שטאָדט און וויסענדיג ווי שווער די אַגיטאַציאָן פיר די באַנק איז דאָ אָנגעקומען, האָבען מיר געוואָלט אָבוואַרטען, ביז מיר וועלען זעהען ווי דער „קלוב“ וועט זיך ענטוויקעלן. ביז היינט קענען מיר מיט פריידע בעריכטען אַז דער קלוב אַרבייט מיט אייפער און וואַרימקייט און ער וואַקסט וואָס אַמאָל מעהר. עס זענען אויך פאַרהאַן אין קלוב מיטגליעדער וואָס צאָהלען פאַר עטליכע אַקציעס. דער קלוב גיט אויך אויסקונפט אין אַלע אַנגעלעגענהייטען פון דער יודישער קאָלאָניאַלבאַנק.

אויך די אַנדערע ציוניסטישע קערפערשאַפטען האָבען זיך ביי אונז אין דער לעצטער צייט גענומען צו דער אַרבייט. דער ציוניסטישער סטודענטענפעראיין „השחר“ האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיטעט צום פערפאַסען אַ קורצע יודישע געשיכטע פיר די יוגענד אין פוילישער שפּראַכע. דער קאָמיטעט אַרבייט פלייסיג און האָפט אין קורצען פאָרצולעגען זיינע אַרבייטען פאַר פאַכמענער וועלכע וועלען זיי איבערזעהען און פאַרטיג מאַכען צום דרוק.

די היגע יונגע ציוניסטען האָבען אויך בדעה צו גרינדען אַ קלוב פיר גימנאַסטיק אים זין פון ציוניסטישען פּראָגראַם, כדי יודישע יונגע לייט צו געבען די מעגליכקייט, צו ענטוויקלען זייער קערפערליכע קראַפט. בעזונדערס אַרבייטען אין דעם דער פעראיין „השחר“ און דער פעראיין פון יודישע אַרבייטער און האַנדעלס-אַנגעשטעלטע „אחדות“. די תקנות פון דעם קלוב זענען איבערגעגעבען געוואָרען דער שטאַטהאַלטעריי.

*

**רוסלאַנד.** — ווי די „ר ו ס ק' ו ו י ע ד“ זענען מודיע, וועט די פראַגע וועגען אַריינצונעהמען יודען אין די אוניווערזיטעטען און די מיטעלשולען בעקלערט ווערען פון אַ בעזונדערע קאָמיסיאָן ביי דעם מיניסטעריום פון פאָלקסבילדונג. די קאָמיסיאָן וועט אָנהויבען איהר אַרבייט אָנהויב ווינטער.

— די ידיעות וועגען דער פערקלענערונג פון דעם פּראָצענט יודישע סטודענטען און שילער אין די אוניווערזיטעטען און מיטעלשולען זענען אמת. אַ צירקולאַר פון מיניסטער בעשטימט די צאָהל פון יודישע סטודענטען אין פּעטערבורגער און מאָסקווער אוניווערזיטעט אויף 2%, אין אָדעסער אויף 7%. אין ריגאַער פּאָליטעכניקום איז בעשטימט געוואָרען פריהער די צאָהל פון יודישע סטודענטען אויף 2%, נאָר אויף אַ אָנפראַגע פון דעם דירעקטאָר, אויב אין דער צאָהל פון 2% דאַרפען ווערען אַריינגערעכענט אויך די יודישע סטודענטען, וועלכע זענען געוואָרען אויסגעשלאָסען פון פּאָליטעכניקום פאַר אָנטהייל אין די אונאָרדנונגען — איז געקומען אַ תשובה פון מיניסטעריום, אַז יודישע סטודענטען זאָלען ווערען אַריינגענומען 5% צוזאַמען מיט די אויסגעשלאָסענע. אין קיעווער פּאָליטעכניקום וועלען ווערען אַריינגענומען יודישע סטודענטען 15%, נאָר אָנגעגעבען ביטען האָבען 10 מאָל אַזויפיעל און דעראונטער אַזאַלכע, וועלכע האָבען געענדיגט אַ אוניווערזיטעט. די לעצטע האָבען אַ דין קדימה און ווערען אָנגענומען אָהן עקזאַמען און דערום וועלען אויסער זיי כמעט גאָר נישט ווערען אַריינגענומען קיין יודישע סטודענטען.

— פון ווילנא איז מען מודיע דעם „וואָסחאָד“ אַז וועגען דער פערקלענערונג פון דער צאָהל יודישע שילער אין די מיטעלשולען האָט די דאָרטיגע אינטעליגענץ בעשלאָסען צו סטאַרען זיך וועגען איין ערלויבניש אויף עפענען אין ווילנא אַ פּריוואַט גימנאַזיום בלויז פאַר יודען און אַ ראַבינער שולע מיט אַ קורס פון מיטעלשולען.

— אין קאָוונא, ווילנא מינסק און גראָדנא ווערען היינטיגעס יאָהר קיין יודען אין גימנאַזיום גאָר ניט צוגענומען.

— אין יעליסאוועטגראד האבען איינינע בעקומען איין ערלויבעניש איינצוריכטען פארלעזונגען פאר יודען. די פארלעזונגען וועלען ווערען געהאלטען נאך ביכער, וועלכע ווערען צוגעלאזען אין שילער־ביבלאטהעקען פון ניעדריגע לעהרשולען. דער איינטריט וועט זיין אומזיסט, אויסער די ערשטע פלעצער, פאר וועלכע מען וועט נעהמען צו 20 קאפ'.

— דער צייטווייליגער קאמיטעט פון דער חברה צו שטיצען מלאכות און ערדארבייט צווישען יודען האט בעקומען הכנסות אין ערשטען האלבען יאהר פון 1901—14,139 רוב' און אויסגעגעבען אויף שטיצונג האנדווערקשולען, דער אדעסער לאנדווירטשאפטליכער פערמע, און בעלי מלאכות און ערדארבייטער — 12,422 רוב'.

— אין טשערקאס, איז געגרינדעט געווארען איין ארטעל פון יודישע שניידער, וועלכע וועט אננעהמען פערשיעדענע בעשטעלונגען און אויך מאכען פארטיגע קליידער. אלע שניידער, וועלכע געהערען צום ארטעל, ווילען ארבייטען בייזאמען, פון 7 פריה ביז 8 אין אווענד אויסער שבת און יום־טוב. דער קאפיטאל פון ארטעל בעשטעהט פון די מיטגליעדער איינצאהלונגען און פון א געוויסען טהייל פערדיענסט. יעדער חבר טראגט איין ביים איינטרעטען מיט אמאל אדער ביסליכווייז — צו 12 רובעל. דער חשבון פון פערדיענסט ווערט געמאכט אין סוף פון יעדען חודש. די ארטעל וועט האבען פאר איהרע חברים א שטענדיגען דאקטאר, אקושערקע און בעקומען מעדיצין פין א געוויסער אפטהייק אויף בעזונדערע תנאים.

— בשעת מען האט פארגעשטעלט „מלכה שווארצענקאפף“ אין א קיעווער טהעאטער, האבען 2 יודישע סטודענטען געפייפט און געשריען: „אוועק פון דער סצענע!“ די פאליציי האט געמאכט א פראטאקאל און אנגעקלאגט די סטודענטען. דער פסק איז ארוים: צו צאהלען 20 רובעל שטראפע און 4 טעג ארעסט.

— דער סענאט האט ערקלערט, אז יודען, וועלכע זענען אלט 70 יאהר און זענען נישט פעהיג צו זייער מלאכה וועגען אלטקייט, האבען דאס רעכט אויך ווייטער צו בלייבען אין זייער וואהנארט אויסער דער טשערטא.

— דער סענאט האט ערקלערט, אז די שיינען איבער דעם שטאנד פון דער משפחה, וועלכע בעווייזען דאס רעכט אויף א לגאטע, דארפען ווערען ארויסגעגעבען פון דער פאליציי אין דעם ארט, וואו דער פריזיוונער וואהנט, און נישט וואו ער איז צוגעשריעבען, ווי עס איז בעקאנט ווערט געפאדערט פון יודען, וועלכע ווילען בעקומען א לגאטע, צוצושטעלען אזעלכע שיינען און אהן דעם האבען זיי נישט דאס רעכט אויף א לגאטע.

*

**דייטשלאנד.** — פון דעם 1840 יאהר ביז היינט האט זיך פערקלענערט די צאהל פון יודישע איינוואהנער אין באיערן בערך צו אנדערע פעלקער. אין 1840 טען יאהר זענען געווען אין באיערן 59,288 נפשות יודען אין 1895 — נור 53,750 יודען. במשך פון 55 יאהר האט זיך אלזא פערקלענערט די יודישע בעפעלקערונג אויף $^{1}/_{10}$, אין 1840 יאהר זענען יודען געווען 1,38 פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג און אין 1895 — נור 0,92 %. אין באדען האט זיך אפילו עפים פערגרעסערט די צאהל פון דער יודישער בעפעלקערונג, אבער אין פערגלייך מיט דער אלגעמיינער האט זי זיך אויך פערקלענערט. די סבה פון דער פערקלענערונג איז ווי עס ווייזט אויס טויפען.

*

**ארגענטיניען.** — דער קארעספאנדענט פון „פראנקפורטער צייטונג“ האט ניט לאנג בעזוכט די יודישע קאלאניעס „וואוועלבערג“ און „צדוק כהן“ אין ארגענטינא און דערצעהלט וועגען זיי, אז די קאלאניע „וואוועלבערג“ איז געגרינדעט דורך גראדנער קאלאניסטען. די אדמיניסטראציאן האט זעהר שטרענג געקליבען די קאלאניסטען און איידער זיי זענען געקומען אויפ'ן ארט, צוגעגרייט פאר זיי אלעס נייטהיגע: א שטיינערען הויז מיט 2 צימערען, פיעה און לאנדווירטשאפטליכע כלים. די קאלאניסטען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין מאנאט יולי פאריגעס יאהר, האבען שוין בעארבעט און פערזייעט זייערע פעלדער, ווייל לוצערן גראט זעהר אין די קאלאניעס, דערום ווערט עמפפאהלען אלע קאלאניסטען צו פערזייען א טייל ערד מיט לוצערן. די צפון זייט פון סאנטא'פע און קארדאבא זענען בעזאנדערס זעהר גוט פאר לוצערן, ווייל לוצערן לאזט זייער טיעפע ווארצלען און דערום פעהלט איהר קיינמאל נישט קיין פייכטקייט, בעת אנדערע תבואות ליידען אפטמאל אין דער געגענד פון טרוקעניש.

אין דער קאלאניע „צדוק כהן“, אין וועלכער עס האבען זיך בעזעצט 40 פאמיליעס אוים ביאליסטאק, האט מען נאך נישט אנגעהויבען ארבייטען, ווייל מען האט געווארט אויף רעגען. ער זאל ווייך מאכען די ערד. אויפאקערן די די דארטיגע ערד, וועלכע איז נאך קיינמאל נישט געווארען בעארבעט, איז זעהר שווער און פאדערט א געשפאן פון 4—6 אקסען.

---

## דער שופר.

תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה...
הערסט, דער שופר בלאזט ? —
אלטע אבגעלעבטע טענער,
שמעקט מיט טוידט און פראסט.

אט די טענער האבען אנדערש
גאר געהילכט אמאל,
עס האבען טהורמ'ס, ווענט געפלאצט,
געציטערט בערג און טאהל.

דער שופר בלאזט — מלחמה־צייט;
ער וועקט — דאס פאלק איז גרייט,
עס שטרייט, פערטרייבט דעם שונא ווייט,
עס זיעגט... עס בלאזט טראמפייט...

עס בלאזט טראמפייט, עס הילכט, עס שאלט,
עס טאנצען בערג און טאהל.
שטארקע, פרייע, פריילינכדיגע
הערצער אהן א צאהל.

* * *

תקיעה... הערסט די טענער קלינגען
היינט מיט לייד און שמארץ,
צו צובּרעכען די געמיטהען
און דאס שוואכע הארץ...

יוסף טונקול.

---

## דריי חופות.

### צוויי רויטע און איין שווארצע.

פון י. ל. פרץ.

### צעהנטעם קאפיטל.

דער שטראהל. דער כשוף־מאכערינס ברכה. דבורה'ם חלום.

א בלאסער, סוף־ווינטערדיגער פריהמארגען האט זיך אריינגעלאזט דורך א שפארע אין דער הייל פון גלויבשטיינער וואלד, און האט, גלעטענדיג זי איבער'ן פנים, די כשוף־מאכערין געוועקט.

דער שטראהל, וואס דער פריה־מארגען האט געלאזט אין דער הייל, איז דער אלטער עפים אויסטערליש געפעלען, גלייך ער האט איהר פון הימעל א גוטע בשורה געבראכט.

זי האט א פרעהליכען ווארף געטהון מיט'ן אלטען קאפ, א פאליע זילבערנע האר האט זיך צוטהיילט אויף ביידע אקסעל און עס האט זיך בעוויזען א שמייכעלדיג פנים מיט גלאנצענדיגע אויגען.

עס ציטערען איהר די ליפען, דאס זאגט זי „מודה־אני“, דערנאך גיסט זי זיך אב די נעגעל און הויבט די אויגען אין דער הייך און זאגט מיט א ציטעריג שטיל קול:

— איך דאנק דיר און לויב דיך, שעפער פון דער וועלט פאר'ן היינטיגען פריהמארגען, פאר דעם גאלדענעם שטראהל, פא־

די בשורה טובה, וואָס זי האָט מיר געבראַכט, פאַר דעם אויסלייזוניש וואָס הויבט זיך אָן פאַר מיר און מיינס גלייכען...

איך בין שוין מיעד געוועזען, רבונו של עולם, איך האָב שוין אָנגעהויבען בענקען אין מיין רוה אַריין... אַ קראָה וויל אַזוי לאַנג נישט לעבען.

דערנאָך האָט זי געוואָרפען אַ שאַרפען בליק אויף די פאָר־הענגליך, אונטער וועלכע עס איז געשלאָפען דער פערכשופ'טער יונגער מאַן.

— געלויבט איז גאָט, געהייליגט זאָל זיין זיין ליעבער נאָמען! לייכט איז שוין זיין שלאָף, שטאַרקער דער אָטהעם, — די פאָר־הענגליך ריהרען זיך! מען קען איהם שוין וועקען.

אַצונד האָט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער און איז איבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט הייל צו דבורה'ס בעט. זי לעגט איהר די האַנד אויפ'ן שטערן, וועקט זי מיט אַ קוש.

— אַ פרישער, גוטער מאָרגען אויף דיר, טאָכטער!

דבורה וועקט זיך האַלב דערשראָקען און קוקט זיך אַרום פערוואונדערט.

— פון וואַנען קומסט דו, טאָכטער? וואו האָט דיך דער מלאך פון חלומות אַרומגעפיהרט?

דבורה נעמט אַרום דער אַלטערס האַלז און זאָגט:

— אַ שרעקליכער, אַ וואונדערליכער חלום!

— קענסט דו איהם מיר דערצעהלען...

— געווים, מוהמעשי, איך האָב קיין סודות נישט פאַר דיר!

די אַלטע האָט זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פון דבורה'ס בעט, און דבורה דערצעהלט:

— איך בין געוועסען — דערצעהלט זי — ערגיץ אין דער פרעמד, אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָדט, אין איין אָבגעלעגענער ענגער גאַס, צווישען צוויי שורות קליינע, פינסטער־פערשלאָפענע, אָבגעשיילטע הייזליך... אויף אַ שטיין בין איך געזעסען... איינע אַליין און האָב געציטערט פאַר קעלט און פאַר שרעק.

און איבער'ן קאָפּ האָט זיך מיר נידריג אַראָבגעלאָזט אַ שוואַרצער, אַ צאַרניג פינסטערער הימעל, — ווי מיט א י י ן וואָלקען בעדעקט... שווער און צאַרניג איז געלעגען דער הימעל איבער דער אויסגעשטאָרבענער גאַס. און איך זיץ אַזוי און קלער:

— ווער בין איך? וואָס טהו איך דאָ? ווער האָט מיך דאָ פערלאָרען?

און מיר דאַכט זיך, אַז איך דאַרף ערגיץ גיהן און ערגיץ עפּיס טהון, עס זאָל פּלוצלינג צוריסען ווערען דער וואָלקען, עס זאָל אויפגלאַנצען אַ זומערדיג־לאַכענדיגער הימעל, עס זאָל אויפלעבען די טויטע גאַס און די קליינע הייזליך זאָלען אָנהויבען וואַקסען און וואַקסען אין הימעל, ווי די העכסטע פּאַלאַצען און היילינגקייטען, און פון די פּאַלאַצען און היילינגקייטען זאָל זיך הערען אַ געזינגעריי, אַ גערופעריי פון גליק, — אַ בשורה טובה זאָל דורכפליהען פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז...

און אין גאַנצען עטליכע טריט האָב איך געדאַרפט געהן און גאָר אַ קלייניגקייט טהון; איך געדענק אָבער נישט וואוהין צו געהן און וואָס צו טהון!

און שרעקליך וועה טהוט מיר דאָס האַרץ! איך געדענק, אַז עס דאַרף געטהון ווערען, איידער די אָרימע, פערשאָלטענע גאַס האַפּט זיך אויף... איך פיהל, אַז אויב נישט, וועט זי זיך אויפחאַפּען מיט אַ זינדיגען כעס, ווי אַ חיה רעה וועט זי זיך אויפחאַפּען, מיט אַ בריל פון אַ קללה אויף שוימענדיגע ליפּען... און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט... דער הימעל וועט נאָך פינסטערער ווערען און נאָך וועט פערהאַמערן די טויערען און מעהר נישט אַרויסלאָזען קיין מאָרגענשטערן, קיין זון... עס וועט זיין שוין איין אייביגע נאַכט.

און אַלץ האָט זיך אין מ י ר געווענדעט, און א י ך האָב אַלץ פערגעסען!

און פּלוצלינג האָב איך אונטערן שוואַרצען הימעל אַ ווייסען, שוימענדיגען פלעק דערזעהן...

פון מזרח־זייט שווימט ער צו מיר און לאָזט זיך אַלץ טיפער און טיפער אַראָב.

עס איז אַ ווייסע טויב געוועזען...

זי האָט זיך מיר אויף דער שויס געשטעלט, און איך האָב דערזעהן, אַז זי האָט אַ בריוועלע אויפ'ן האַלז, און זי שטעלט מיר אַקעגען דעם שניי־ווייסען האַלז, איך זאָל דאָס בריוועלע אַראָבנעהמען.

און איך האָב אויפגעבונדען דאָס רויטע שנירעלע פון ווייסען האַלז און דאָס בריוועלע געעפענט, נאָר לעזען האָב איך נישט געקענט, עס איז צו פינסטער געוועזען!

גאָר אין דערזעלבער רגע, האָט מיר גלייך איבערן קאָפּ אויפגעפלאַמט אַ שטערן אויפ'ן הימעל און האָט מיר דאָס בריוועלע בעשיינט...

דבורה בלייבט שטיל ווי דעם אָטהעם צוכאַפּען.

— און וואָס איז געשטאַנען אין בריוועלע? פרעגט די אַלטע.

— עס איז געשטאַנען... עס איז געשטאַנען, אַז איך... איך, איך — הויבט אָן דבורה צו שטאַמלען.

— וועל א י ך דיר זאָגען, וואָס עס איז געשטאַנען!

— דו? דו ווייסט, מוהמעשי?

— אַלץ ווייס איך! עס איז געשטאַנען, אַז דו ביסט נישט יואב דעם רשע'ס טאָכטער, אַז דו ביסט אַ בת־מלכה! אַז מען האָט דיך מיט שולמית פערטוישט!

— יאָ!

— נאָך איז געשטאַנען, אַז דו זאָלסט אַנטלויפען פון דער הייל צוריק אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ, דאָרט איז אַ סעודה אַ גרויסע. יואב מאַכט אַ גרויסע סעודה — און שלמה און שולמית וועלען אויך אויף דער סעודה זיין, און שלמה וועט אויסגעלייזט ווערען פון גלות און צוריק רייגען זיך פאַר מלך! דעמאָלט - איז געשטאַנען — זאָלסט דו אָננעהמען שלמה'ן ביי דער האַנד און צופיהרען צו דער געשטאָרבענער מלכה, עליה השלום'ס, פּאָ־טרעט און ווייזען צו וועמען דו ביסט עהנליך!...

— אזוי איז געשטאנען!

— און דו זאלסט ווערען בת־מלכה — —

— יא, יא...

— און דו וואס האסט געזאגט?

— איך? איך האב דאס בריוועלע אויף פיץ־פיצליך צוריסען און אויפ'ן ווינד פערזייט... זיי זענען זיך ווי קליינע ווייסע פליגעליך צופלויגען...

— פאר וואס?

— ווייל איך האב געוואוסט, אז מיין וועג, וואס איך דארף געהן, איז נישט קיין גלויבשטיין, און דאס, וואס איך דארף טהון איז נישט א קרוין אויפ'ן קאפ ארויפצולעגען... נאר עפּיס אנדערש און ערניץ אנדערש, האטש וואו און וואס האב איך אין חלום נישט געדענקט...

— און אצונד?

ווי א רויז האט אויפגעפלאמט דבורה'ס פנים: מעג איך? פרענט זי מיט ציטערדינע ליפען.

— און וואס איז ווייטער געשעהן?

— ווייטער? די טויב איז אוועקגעפלויגען, און דער שטערן האט זיך מיר אראבגעלאזט און געשטעלט זיך מיר ווי א קרוין אויפ'ן קאפ...

— דאס איז דיין מזל, דבורה, — קושט זי די אלטע מיט פרייד — שטעה אויף און קום מיט מיר אין וואלד אריין!

ל. פרי'ן.

---

## די זומערפויגעל.

### א מעשה פאר גרויסע און קליינע קינדער.

### I.

ס'איז געוועזען א שטילער פריהמארגען סוף ניסן; די זון איז נאך געשטאנען נידעריג אויף דעם ריינעם הימעל; דאס פרישע העל גרינע גראז, וואס איז ערשט ניט לאנג ארויסגעבראכען פון אונטער דער ערד, איז נאך געוועזען בעשאטען מיט העלע טראפען טוי, וואס האבען אויסגעזעהען ווי צושאטענע פערל און האבען ציטערענדיג געלייכט און געפונקעלט אויף דער זון. אין דעם אין דער פריה האבען זיך איבער א קליין דערפיל אין צפון־דייטשלאנד בעוויזען צוויי פויגעל, שוועבענדיג הויך, הויך אין דער ריינער בלויער לופט, אזוי הויך, אז זיי האבען אויסגעוויזען ווי צוויי פליהענדיגע פינטעליך. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויף א רגע, א פנים אויסקוקענדיג דאס ארט. — און פלוצלינג האבען זיי אנגעהויבען זיך אראבצולאזען; אבער ניט גלייך, נאר זיך דרעהענדיג כסדר ווי אין א רעדעל, גלייך ווי זיי וואלטען מורא געהאט אראבצופליהען גלייך אראב. אראבגעלאזט האבען זיי זיך ניט אויף דער ערד, נאר גלייך אויף דעם שפיץ פון א הויכען טשערעטענעם דאך פון א קליין אלט שטיבעל, וואס איז געשטאנען גאר אין עק דארף.

דאס זענען געוועזען צוויי גרויסע שענע הויכע פויגעל, אין גאנצען שניי־ווייס, א חוץ די עקען פון די לאנגע פליגעל, וואס זענען געוועזען שווארץ. א עדעל שען און שטא־ק לייב, אביסעלע לענגליך, אויף הויכע, דינע, בלייך־רויטליכע פיס; א קליין שען קעפעלע מיט א לאנגען רויטען שנאבעל מיט גרויסע, טונקעלע, קלוגע אויגען, ארומגעפיהרט מיט טונקעל־גרויע רעדעליך.

דער אלטער כריסטיאן, דער בעל הבית פון דער שטוב, איז דענסטמאל געוועזען פערנומען אין הויף מיט זיין אקער, וועלכען ער האט אויסגעפרופט און פעררעכט ווי ער האט געקענט. — אז ער האט דערזעהען דורך דער גרויסער בריל, וואס איז איהם געלעגען נידריג אויף דעם שפיץ פון דער גרויסער רויטליכער נאז, די פייגעל, וואס האבען זיך אראבגעלאזט אויף זיין דאך, האט ער זיי גוטמוטיג צוגעשמייכעלט און אנגעהויבען רופען דאס ווייב:

— העדווינא, העדווינא, גיכער אהער! זעה, די שטארכען *) זענען שוין אנגעקומען. איצט וועט זיך טאקי שוין אבשטעלען א ווארמע צייט אויף כסדר. אט די מצרים חכמים פערשטעהען א סך מעהר אין דעם עסק ווי די שוועלבעליך. זיי נארען זיך קיינמאל ניט אב ווי יענע קליינע נארען. אז זיי קומען, הויבט זיך טאקי שוין אן דער אמת'ער זומער־לעב. איצט מעג מען שוין זאגען א זיי געזונד דעם ווינטער. א יא אלטיטשקע?" — די אלטע העדווינא, וואשענדיג א קלאר ווייס הילצערען מילכשעפיל, האט צוגעשאקעלט מיט דעם גרויען קאפ, וואס איז געוועזען האלב פערבונדען מיט א טיכיל.

דער אלטער כריסטיאן האט מיט נייעם חשק זיך גענומען צו דער ארבייט, קלאפענדיג שטארק מיט דעם האמער אויף זיין אקער.— מצרים חכמים האט דער אלטער פויער אנגערופען די שטארכען דערפאר, ווייל ביים פאלק איז אנגענומען, אז זיי קומען ארויס פון מצרים.

דאס איז געוועזען א יונג פאריל, וואס האבען זיך בעפריינדעט אויף דעם וועג, איבערפליהענדיג פון די ווארעמע דרום־לענדער, און דערנאך אויף תמיד זיך צונויפגעגאנגען.

אראבגעלאזט זיך אויף דעם דאך און זעהענדיג אז דער בעל הבית בענעגענט זיי פריינדליך, האבען זיי אנגעהויבען זיך ארום צו קוקען. „דא איז אזוי וואויל, אזוי שטיל, אזוי רוהיג און אזוי גוט", האבען זיי געקלערט, קוקענדיג אין אלע זייטען. „דא קענען מיר זיך רוהיג בעזעצען אהן פחד. מיר וועלען דא בוודאי גליקליך אבלעבען אונזערע יאהרען". און פאר גרויס פרייד האבען זיי פערווא־פען די קעפעליך און אנגעהויבען היליכדיג קנאקען מיט די שנאבלען, קלא־פענדיג מיט זיי אזוי ווי מיט א המן־קלעפיל—אזוי איז זייער שטייגער.

און באמת איז דא טאקי געוועזען שען ארום און ארום. באלד אונטער דעם דארף איז געשטאנען אין איין זייט א געדיכט וועלדיל. אין דער אנדערער זייט האבען זיך געצויגען מיט ברויט פערזעהטע פעלדער און לאנקעס, וואס זענען געוועזען ארומגערינגעלט אזוי ווי מיט א גארטעל פון בערג און היגלען, בעדעקט מיט קילימעס פון גרין גראז. נור איין היגעל, דער העכסטער פון אלע, וואס איז געשטאנען ווייט ווייט, איז

---

*) אויף לשון קודש חסידה, אויף יודיש באשעל. אין בעסאראביען רופט מען דעם פויגעל קוקאסטערקא.

געוועזען אין איין זייט גאר נאַקעט: דאָס איז געוועזען אַ גרויסער פעלזען, שטייל, ווי אַ וואַנד, מיט גרויסע שוואַרצע שפּאַלטען, פון וועלכע עס האָבען אַראָבגעהאַנגען בוימער און קוסטען. אויף דעם שפּיץ פון דעם גרויען פעלזען איז געשטאַנען אַ אַלטער גרויער פּאַלאַטין, אמאָלעדיגעס נעסט פון רוצחים, וואָס מע האָט זיי גערופען „ריטער". די בערג זענען געוועזען בעדעקט מיט גרינע וועלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען אויך ווייטער נאָך די בערג. די וועלדער זענען נאָך געשטאַנען נאַקעט און די הויכע גלייכע בוימער האָבען אויסגעזעהען ווי מעכטיגע שורות זיילען פון אַ גרויסען טעמפּיל, וואָס די נאַטור האָט געמאַכט פאַר איהר גרויסען שעפער, און פיעל פויגעליך האָבען שוין דאָרטען געזונגען שירה, שפּרינגענדיג פון איין צווייג אויף דעם אַנדערען. צווישען די וועלדער און נאָך די וועלדער האָבען זיך געפונען זומפען, וואו די שטאָרכען האָבען געקענט גרינג בעקומען ווערם, פרעש, יאשטשירקעס און אַנדערע מיני רמשים, מיט וועלכע זיי נעהרען זיך און דערנעהרען מיט זיי זייערע קליינינקע.

אביסיל זיך אָבגערוהט, האָבען זיי באַלד מיט חשק זיך גענומען בויען אַ נעסט. אויסגעקליבען האָבען זיי דעם העכסטען און דעם שפּיצעכדיגסטען דאַך וועגען די שלעכטע, נידריגע ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס האָבען ליעב קריכען אין די נעסטען און זיי צוּוואַרפען, צונעהמען די אייער, וואָס די פויגעליך ליגען דאָרטען, אָדער גאָר אַוועקטראָגען די יונגע פויגעליך און זיי דערהרג׳נען. און וואָס קומט זיי דערפון אַרויס, גלאַט אַבי יענעם געטהון שלעכטס, געמוטשעט און אומגליקליך געמאַכט נעביך שלאָפע, קליינע בעשעפענישען, וואָס קענען גענען זיי ניט ביישטעהען.

די שטאָרכען האָבען ביידע זיך גענומען אַנטראָגען פערדאָרטע, טרוקענע צווייגליך פון דעם נאָהענטען וועלדיל. יעדע מינוט זענען זיי געקומען צו פליהען מיט צווייגליך אין מויל און צונויפגעלעגט אויפ׳ן עק דאַך אַ קיילעכדיגע וואַנד אַלע מאָל אַליץ העכער און גרעבער. אַזוי האָבען זיי געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג. שוין אויף דערנאַכט, אַז די זון האָט זיך שוין לאַנג געזעצט, אַרום איז געוועזען שאַ שטיל און אויף דעם הימעל האָבען אָנגעהויבען אַרויסצווייזען זיך די ערשטע שטערענדליך, ערשט דענסטמאָל האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזט אויף זייער דאַך, געקנאַקט מיט די פּיסקעליך, דערנאָך האָבען זיי זיך צוגעטולעט איינער צום אַנדערען און שטעהענדיג שטיל אַנשלאָפען געוואָרען ביז די זון האָט געדאַרפט אויפגעהען.

(פאָרטזעטצונג קומט). בן־עמי.

---

„דער יוד" ווינשט אלע זיינע לעזער און פריינד א גליקליך יאהר.

די רעדאקציאן.

---

## נ ד ב ו ת:

פיר בריסקער נשרפים: ה׳ יעקב לוריא—גארוז׳ 1 ר״כ ה׳ מ. באנדאר קאמענעץ 25 קאפ׳.

פיר די ארבייטער אין ארץ ישראל: מ. בערקאוויטש, קראקא 2 קראנען ה׳ אברהאם קראקא 60 העלער.

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן.

ה׳ ירוחם לובלסקי—קאוועל: די נומערן פון 1899 יאהר זענען דא און עס קאסט 15 ק׳ א נומער. איין קאטאלאג און איין פראספעקט פון „הדור" שיקען מיר אייך.

ה׳ יחיאל ארדאש—אוו—בודא: ביטע צו שיקען נאך 50 ק׳. איין האלב יאהר קאסט 3 ר׳.

ציוניסטישע בייבליאטהעק—ראסלאוול: פיר די 4 ר״כ וועט איהר בעקומען „דעם יוד" ביז ענדע יאהר. אויף דעם „טשארטער" ביטע צושיקען אין פאסטמארקען, 25 קפ׳.

אבאנענט נו׳ 1674—בראילאוו: איהר קאנט דאס געלד גלייך צו אונז צושיקען.

ה׳ מ. פיאנטסקי לענציץ: ווען עס וועט פערטיג ווערען פיר אלע אבאנענטען וועט איהר דאן אויך בעקומען. די 2 געוואונשטע נומערן זענען דא. יעדע נו׳ 15 קפ׳.

ה׳ ל. באליאסני—באייארקא: אייער בריעף האבען מיר ערהאלטען, נור 20 קא׳ מארקען דערין נישט געפונען.

ה׳ עזריאל יוסקי בערדיטשעוו׳ די צייטונג וועלכע איהר פרעגט איז פערבאטען.

---


# ה ש ל ח

מכתב-עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו״ל: חברת „אחיאסף". העורך: אשר גינצברג.

### שנה רביעית

יצאה לאור החוברת השביעית

וזה תכן עניניה:

| | |
|---|---|
| א) סניגורא. (השקפה היסטורית). א). | ד״ר ש. ברנפלד. |
| ב) הכתב והמכתב. | א. שולמאן |
| ג) בעמק הבכא. (ספור, חלק שלישי — המשך). | מנדלי מוכר ספרים. |
| ד) המרחיבים והמפסיקים. | א. לוי. |
| ה) הקבצן העור (ספור). | אליהו מיידאניק. |
| ו) יוסף דו־נואס. (שיר). | ש. ל. גורדון. |
| ז) ספרותנו (ד). | יוסף קלוזנר. |
| ח) מכתבים מרוסיא (ה). | אכא. |
| ט) מכתבים מצרפת. (ב). | א. ליודוויפול. |
| י) השקפה כללית. (XV). | עברי. |
| יא) ידיעות ספרותיות. | |

מחיר החתימה לשנה: ברוסיה 6 רו״כ, באוסטריה-הונגריה 16 קראנען באשכנז 13 מארק, בשאר ארצות 17 פראנק, בארץ-ישראל 15 פראנק.

לחצי שנה: חצי המחיר הנ״ל.

לחותמים על „השלח", „הדור" ביחד יוזל המחיר בשני רו״כ, וישלמו לשנה 10 רו״כ, לחצי שנה 5 רו״כ, לרבע 2.50 רו״כ.

כתכת השלח:

Издательство „АХІАСАФЪ" Варшава.


---


## אבאנעמענט אויף „DIE WELT" !

די פערטרעטונג פיר רוסלאנד אויף דעם ציוניסטען־ארגאן „Die Welt" האט איבערגענומען חברת אחיאסף ווארשא און ביטען זיך צו ווענדען אויף אדרעסע:

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

Verlag „Achiasaf", Warschau.

מינדליך: טווארדא נו׳ 6.

# לוח „אחיאסף" לשנת תרס"ב

## שנה תשיעית.

שנית קיומו של לוח אחיאסף תשע מעידים על ערכו וטובו ועל סגלותיו הפנימיות המחבבות אותו על קהל הקוראים. הלוח כולל ספורים, שירים, ציורים, מאמרים פובליציסתים ומדעיים, השקפות על מאורעות השנה ושאלות החיים, תולדות אנשי שם המצוינים בפעולותיהם בעבר ובהוה, תמונות וציורים נחמדים, וכו' וכו'. בשנה זו הוספנו פרק הדש בשם „מראשית השנה עד אחרית השנה" הכולל סקירה עמוקה ומשפט צדק על כל המאורעות החשובים בחייהם הרוחנים של אחינו בכל הארצות במשך השנה החולפת, בכלל הוספנו בשנה זו גליונות שלמים על עצם הספר (החלק הספרותי לבד מחזיק כשלשים באגען) הכוללים ענינים רבים ונכבדים, והיתה ההוספה הזאת במקום ספר מיוחד הנספח בתור תשורה׳

בלות אחיאסף תרס"ב השתתפו במעט כל טובי הסופרים והחכמים, וזה תוכן החלק הספרותי:

א) אגרת. לוח אחיאסף.
ב) מלחמה בשלום (ציור היסטורי)׳ ד"ר ש. ברנפלד
ג) עם פתיחת החלון (שיר)׳ ח. נ. ביאליק.
ד) הוא היה כהן (סקיצה), י. ברשדסקי.
ה) תמונה (שיר), א. הופנשטיין.
ו) לחנוך העם (דבר להורים ולמורים), ש. ל. ציטראן.
ז) ר' אברהם בן נחום מכפר מכאוביץ (ציור), מ. ד. בראנדשטעטטער.
ח) משיח (שיר), י. ל. ברוכוביץ.
ט) השתלמות שכלית והכרה מוסרית, יוסף קלויזנר.
י) לא יצא לפעל (ציור), י. ברשדסקי.
יא) לילה (שיר), מ. מ. הורוויץ.
יב) טעמים לסדר אלף-בית׳ יצחק בן אשר.
יג) משה (שיר)׳ דוד פרישמאן.
יד) שתי שנים ומחצה (ציור), מיכה יוסף ברדיטצבסקי.
טו) זכרונות׳ א. ש. פריעדבערג.
טז) פסוקי דינקי (שיר), יעקב קפלן.
יז) שבבים: א) משמרים הבלי שוא. ב) שירה וזמרה. ג) זכרון בס:ר, א. שולמאן.
יח) שומר מה מלילה? (שיר), מ. מ. דאליצקי.
יט) משי (מרשימותיו של עוכר אורח), ש. בן-ציון.
כ) קץ כל בשר (חזון), יעקב כהן.
כא) הנחמה האחרונה (ספור), א. זינגער.
כב) אש מאת ה' (מכתם), יהורה ליב גורדון.
כג) אל אמי (שיר), יעקב קפלן.
כד) נחלה מבוהלת (מסעי הראשון לארץ ישראל), מרדכי בן הלל הכהן.
כה) בשכר נשים צדקניות (הלצה), צבי אלאטין.
כו) הג וחגא (ציור), א. ז. ראבינאוויטש.
כז) עוקצים ופרי מחשבות, ש. בן ציון.
כח) במה? (ציור), י. שטיינבערג.
כט) זכרונות (ציור), הנ"ל.
ל) היפרכוס ומלך, הנ"ל.
לא) דור דור (משה ליב ליליענבלום, דוד פרישמאן), דר. מ. י. ברדיטצבסקי.
לב) אהבתיך עמי (שיר), דר. סולער.
לג) עלה נופל׳ א. לודוויפול.
לד) בין ערבים (שיר), יעקב כהן.
לה) במחזה (שיר)׳ יעקב קפלן.
לו) שיחת רוחות׳ מ. ל. ליליענבלום.
לז) ר' זכריה פראנקל (למלאת מאה שנה ליום הולדתו)׳ דר. ש. ברנפלד.
לח) יום היהודים בגרמניא (לתמונת הפרופ' מ. פיליפזאהן), דר. ש. ברנפלד.
לט) ר' מאיר איש שלום, ראובן בריינין.
מ) ר' אליעזר שולמאן.
מא) יצחק ליבוש פרץ.
מב) י. י. ווייסבערג.
מג) על פתחו של גיהנם. י. ח. טביוב.
מד) מראשית השנה עד אחרית השנה — (סקירה על המאורעות של שנת התרס"א): השקפה כללית׳ הציונית בזמן הזה, הקונגרס הרביעי ותוצאותיו, התנועה הציונית בעם, האספות המחוזיות והמדיניות׳ העבורה הקולטורית, האספות הגליליות ברוסיה׳ אספת הציונים באלמיץ׳ האספות בלמברג ובאמיריקא, אספת תלמידי חכמים צעירים במינכען, טבע התנועה הלאומית׳ המעשה והמחשבה׳ הבאנק הלאומי, העכובים בתשלומי המניות, הלשכה בווארשא, המוסדים בפלשתינא, תיאודור הירצל לפני השולטן, הקריזים של הקולוניות בפלשתינא׳ שנוי הסדר׳ הפקידות החדשה, שאלת הפועלים׳ חברת הישוב באודיסא, מלאכות מר גינצברג ומר זוסמן בפלשתינא׳ בית הספר ביפו, דעת הקהל׳ הצירים בפאריז, מכס נרדו והצעתו בדבר הגיטו החדש׳ יחוס הציונים בלונדון לבחירת הועד המדיני׳ הציונים בהנהגת חכי"ת בווינא, הרעב בנגב רוסיא, עבודת הצדקה, יחוס עשירי אחינו שבמערב למאורע זה, החברה של עזרה שנועדה בברלין, הזכוחים בועד המדיני של ממלכת פרוסיה, יום היהודים בגרמניא, מצב היהודים בצרפת, מכס רגים באלגיר׳ האנטישמיות באוסטריא׳ מצב אחינו בגליציא ורומניא׳ התנועה הפנימית.
מה) כרוניקה עברית (מן ניסן תר"ס עד ניסן תרס"א): רוסיא. פקודות הממשלה. פסקי הסינט. ארץ ישראל. אוסטריא - אונגארן. צרפת רומניא. אנגליא. אמריקא. תוגרמא. בלגיא. ארגנטינא. חינא. מארוקא. פרס׳ ספירות. הצטינות. חגי יובל.
מו) הזכרת נשמות׳ (מן ניסן תר"ס עד ניסן תרס"א).
מז) ביבליוגרפיא (ספרים חדשים).

ואלה התמונות אשר באו בלוח אחיאסף תרס"ב:

1) ר' זכריה פראנקעל.
2) פרופ' מ. פיליפזאהן.
3) מאיר איש שלום.
4) אליעזר שולמאן.
5) יצחק ליבוש פרץ.
6) י. י. ווייסבערג.
7) ד"ר איזידור זינגער. (מוסד הענציקלופעריע העברית).
8) היהודים בכינה.
9) ר' משה מונטיפיורי בימי שחרותו.
10) ר' משה מונטיפיורי בימי זקנותו.

**מחיר הלוח 1 רו"כ, עם פארטא 1,30 רו"כ, מכורך 1,40 ר', עם פארטא 1,70 רו"כ.**

המחיר הנזכר נקצב רק עד ט"ו תשרי ובעבור הזמן יעלה מחירו והיה 1.30 רו"כ, ועם פארטא 1.60׳ מכורך 1,70, עם פארטא 2 רו"כ.

הערה. עלינו להזכיר כי בהיות להלוח מספר מסוים וידוע של קונים שנה שנה הננו מדפיסים אותו רק במהדורא אחת ולכן קרה בשנים האחרונות כי אספו העק"ז לגמרי מן השוק מיד אחר חג הסכות עד כי היינו מוכרכים אח"כ לפרסם מודעות במכ"ע כי הלוח נמכר כלו כדי שלא להטריח את הרכים וגם את לשכת אחיאסף בכתיבת מכתבים לחנם. ולכן, כל אלה מן הקוראים, המו"ס והסוכנים שיש להם חפץ בלות אחיאסף יואילו נא להיות מן הזריזים.

Издательство „Ахiасафъ" Варшава. בע"פ: טוואַרדא נו' 6.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.

## רשימת ספרים ישנים שנכנסו אל בית מסחר הספרים
## של חברת „אחיאסף“ בווארשא.

אגרות בעלי חיים, לר׳ קלונימוס — 20 —
אני לדודי, תרגום שני על מגלת אסתר עם מבוא
וביאור מאת י. מונק — 50 —
ארץ חמדה, סאקאלאוו — 75 —
אוצר טוב, כולל דברים עתיקים: קשת ומגן מאת
ר״ש בן צמח ומפענח נעלמים 1 20
בית המדרש, מכ״ע נערך ע״י מ. י. ברדיטשבסקי — 75 —
בית תלמוד, מכ״ע יצא ע״י אייזיק הירש וויס ומאיר
איש שלום, שנה א׳, חוב׳ א׳-ג׳-ו׳, ט׳-י״ב,
שנה שניה, חוב׳ ד׳-ו׳, י״א, י״ב, מחיר כל חוב׳ — 25 —
האמונות והדעות, מרבינו סעדיה גאון, לייפציג — 80 —
״ ״ ״ ״ הוצ׳ ר׳ ד.
סלוצקי עם תולדות רס״ג — 90 —
הראל, קדמוניות ארץ הקדושה, קלמן שולמאן 1 —
החוזה חזיונות בארבעה עולמות, סאבעל — 75 —
ס׳ האמונה הרמה, חברו הפילוסוף ר׳ אברהם בן דאוד
מטוליטולא עם ת״א וביאור ע״י וייל 1 20
הורב, מאת הרב ר״ש בן רפאל הירש, תרגום אהרנזאהן 3 —
כל שירי ר׳ האי גאון, עם הערות רייפמאן, שזח״ה — 75 —
מחקרי לשון, כולל שני ספרים: שיחה בעולם הנשמות
ובית האסף לר׳ שלמה לעווינזאהן 1 —
מלאכת השיר, לקוטים שונים מכתבי יד מאת אברהם
נייבואר — 60 —
מבוא המשנה, חלק שני, ר׳ יעקב בריל 1 25
מאמרי ר׳ יעקב בכרך: א) מהעבור ומנין השנים,
ב) ירח למועדים 1 —
מאמר על פי׳ רש״י למס׳ נדרים ומועד קטן, דובער
צאמבער — 25 —
מורה המורה, לר׳ רפאל נטע ראבינאוויץ — 20 —
ספר תגין ומדרש קצר מכת״י, ע״י ב״ג ושניאור זקש — 60 —
עשרת הדברים, באל ערבי, לרבינו סעדיה גאון, מעתקים
ללשון עבר ולל׳ אשכנז ע״י אייזענשטעדטער — 80 —
קיקיון יונה, שניאור זקש 1 —
קבץ על יד: תולדות אלכסנדר מקדון ואגרות חי בן
מקיץ (מקיצי נרדמים) — 80 —
שלחן ערוך, על חקי היהודים ומנהגי חייהם, העתקת
דר. רובין — 60 —
שבע מסכתות קטנות ירושלמיות מכ״י, ע״י קירכהיים 1 —
שיבת ציון, שיר עלילה מאת יצחק בן מאיר גאלדמאן — 90 —
תולדות ר״י קריש — 80 —

בית יהודה, יסודתו בהררי קדש הדת וקורות האומה הישראלית, ספריה, הנהגותיה, חכמיה, סופריה וראשי התקנות שנתיסדו בכל זמן ומקום לטובת עם ישראל מאת ר׳ יצחק בער לעווינזאהן, שני חלקים, הוצאה חדשה עם תמונת המחבר 1 50

תעודה בישראל, ספר הכולל גדרי התורה והחכמה ודרישות טובות ומועילות, גם תולדות הרבה גדולי ישראל מכל דור ודור ותכונתם בתורה ובחכמה ובדרך ארץ מאת ר׳ יצחק בער לעווינזאהן, הוצאה חדשה, עם תמונת המחבר 1 —

רוב הספרים הם יקרי המציאות ומחירם הוא לבד פארטא, בור פארטא יתוסף 15% ממחיר הספר.

---

# וויכטיג פאר ציוניסטען!

זאעבען ערשיענען א נייעס בוך מיט דעם נאמען

# וואס ווילען די ציוניסטען?

פון יחזקאל ווארטסמאן, סטודענט פילאזאפיע.

יעדער ווערעס וויל וויסען דעם אינהאלט פון ציוניזמוס, זיין ציעל און זיין בעשטרעבונג, ווי אויך זיינע אויסזיכטען אויסגעפיהרט צו ווערען, ווער עס וויל האבען איין ריכטיגען און טיעפען איבערזיכט אויף די ציוניסטישע בעוועגונג, אויף די געשיכטע פון זיין ענטוויקעלונג ביז יעצט און אויך איין איבערבליק איבער אלע 4 קאנגרעסען, וועט דאס אלעס געפינען אין דעם דאזיגען בוך.

פרייז אין רוסלאנד 50 קאפ׳, אין עסטרייך 60 קר׳, אין אמעריקא 25 סענט, אין ענגלאנד 1 שילינג.

שירי ציון מיט נאטען פון ה׳ פערלצווייג חזן אין לאנדאן 1) נהנו עדים. 2) דגל יהודה. 3) דר. הערצלס מארש. 4) עוד לא אבדה תקותנו, די מוטער פאלעסטינא, שם במקום ארזים, על נהרות בבל, צוריק אהיים.

פרייז פון יעדען א 1 שילינג, 60 קאפ׳.

הויפט פערקויף אין רוסלאנד ביי:

**פערלאג „אחיאסף“ ווארשא. און פערלאג „תושיה“ ווארשא.**

אין ענגלאנד ביי דעם פערלעגער:

Rafael Mazin Bockseller London, N E. 100 old Montague Str.

---

## ДЕШЕВАЯ ОБСТАНОВКА за 13 РУБЛЕЙ!!!

| | |
|---|---|
| 2 столика угловыхъ для цвѣтовъ | за 3.50 |
| 6 обхватовъ металлическихъ | „ 3.— |
| Вѣшалка для полотенца | „ 1.50 |
| Пара консоликовъ для фигуръ | „ 1.50 |
| Металлическая вѣшалка для одежды | „ 1.20 |
| Этажерка для газетъ (Gazetenhalter) | „ 2.30 |
| | Итого 13 р. |



Высылаю налож. плат. задаткомъ 6 руб.

Адресъ: **О. Л. Берковичу, Варшава**
Дикая улица 38.

---

יצא לאור ונשלה להחותמים

# „הדור“ Nr. 35

### וזה תכן עניניו:

| | |
|---|---|
| משפטים עם השופט. | י. דומשיביצקי. |
| בארצות המערב. ל״ג. | ש. ב״ד. |
| ברוסיה. | מנחם-אב. |
| השקפה על דברי המדינות. | |
| מאורעות ומעשים. | |
| ידיעת הטבע והאסתיטיקה. | יעקב ווייצער. |
| * * * (שיר). | יעקב פיכמאן. |
| עם היובלים (ספור לילדים, סוף). | בוקי בן יגלי. |
| נר שבת. | יהודה שטיינברג. |
| בגן העיר (ציור). | מ. ב. לזבניק. |
| מכתבי למך בעל מהשבה. א. (פיליטון) | ש. ל. ציטראן. |
| רשימות שונות: מכתב גלוי לעורך „המליץ“. | |

תנאי החתימה: באוסטריה-אונגריה: לשנה 14 קראנען, לחצי שנה 7 קראנען, לרבע שנה 3,50 קראנען. ברוסיה: לשנה 6 רו״כ, לחצי שנה 3 רו״כ, לרבע שנה 1,50. באשכנז לשנה 12 מארק, באנגליה לשנה 12 שילינג. בשאר ארצות לשנה 17 פרנק. בארץ ישראל לשנה 15 פראנק.

להחותמים על „הדור“ ו„השלח“ ביחד, יוזל המחיר בשני ר״כ

והיה המחיר: לשנה 10 ר׳, לחצי שנה 5 לרבע שנה 2,50.

Издательство „**АХIАСАФЪ**“, Варшава.

